ס'איז דא אפילו אן אנדערע מהדורה פון די חשבונות פון די רמב"ם. יא, ס'קען זיין אז ער האט עס מגי' געווען מערערע מאל, און אויסגעמעקט, און איבערגעשריבן, וואס ער האט געטון אין גאנצן משנה תורה. ס'קען זיין אז דאס אז ס'איז נישט אין זיין פלאץ, קען זיין ווייל דער רמב"ם האט עס אביסל אנגעקוקט ווי אן עקסטערע חיבור. יא, ס'באלאנגט פאר די מצוה, אבער ס'איז בעצם א חיבור בפני עצמו, און דער רמב"ם האט גענומען זייער ערנסט, ער האט שטארק געארבעט אויף די פרק, אויף די הלכות.

### דיסקוסיע: האט דער רמב"ם מפרסם געווען די משנה תורה אין קונטרסים?

ווען דער רמב"ם האט די ערשטע מאל מפרסם געווען די משנה תורה, האט ער עס מפרסם געווען אין אופן וואס ס'איז געווען געענדיגט אלעס? האט ער עס מפרסם געווען אין קונטרסים?

ניין, ס'איז געווען אינגאנצן געענדיגט. אבער איך רעד פון תוך כדי זיין ארבעט.

אקעי, שוין.

### מנין המצוות — מצות עשה אחת

הלכות קידוש החודש. זאגט דער רמב"ם, די הלכות קידוש החודש איז איין מצוה, מצות עשה אחת. **והוא**, ס'טייטש אין ספר זמנים איז דא זייער וויניג לא תעשה, עטליסט אין די צווייטע חלק פון די ימים טובים און ווייטער.

**והוא**, די מצות עשה איז **לחשב**, צו רעכענען, **ולידע**, און וויסן, **ולקבוע**, און קובע זיין. דריי זאכן. **באיזה יום היא תחלת כל חודש וחודש מחודשי השנה.** ער זאל וויסן און קובע זיין וועלכע טאג איז דער ערשטער טאג פון די חודש פון אלע חדשים. ער זאל וויסן ווען ראש חודש איז.

### אנאליזיע: לחשב, לידע, לקבוע — דריי עלעמענטן אדער איין מצוה?

אינטערעסאנט, דא זאגט ער די דריי זאכן: לידע, לחשוב, און לקבוע. ס'זעט אויס ווי דריי זאכן: יא, לקבוע איז לכאורה דער בית דין וואס איז מקדש, זיי זענען קובע. און לידע ולחשוב איז דער וואס מאכט די גאנצע מעט חשבון, און לידע איז דער וואס ווייסט. איך ווייס, ווען איינער ווייסט אז איינער ווייסט אז אין ראש חודש איז ער, טוט ער א מצוה. איז דער חשב'ער כדי לידע, אדער לידע נאך א חשבון, נאך א חשבון, אדער לידע איז דער וויסן אליין איז א מצוה? מ'וועט וויסן אמת'דיג מער אינעווייניג, ווייל ס'איז נישט קלאר צו מ'קען מדייק זיין, אבער דער עיקר פלאץ וואס מ'דארף צושטעלן איז אינעווייניג, ווי דער רמב"ם שרייבט וואס די מצוה איז.

### פארוואס שטייט נישט "לקדש"?

אבער קודם כל, ער זאגט נישט דא לקדש. קדש. דאס הייסט, זיין נאמען אליין איז דער הלכת קידוש. דער נאמען פון דער פרק פון דער גאנצער הלכה איז קידוש החודש, אבער ער זאגט נישט לקדש.

רייט. קודם כל, אויך אז ס'פעלט דא איבער שנים, ס'שטייט דא נאר חדשים. אבער אפשר טאקע וועגן דעם, ווייל ס'איז א דאורייתא? ס'איז דרמא מיט פרק א' איז משמע אז ס'איז פארט פון די הלכה, ס'איז נאך א דין אין די מצוה. אבער אפשר ווייל ס'הייסט קידוש החודש, פארדעם ברענגט ער טאקע נאר דאס, ווייל ס'איז אלעס תלוי, ס'איז קאנעקטעד.

איך טראכט אז פשוט טייטש, די לקדש מיינט פאר די רמב"ם לחשב עליה ולכבוה, אפשר דאס איז די טייט. ווייל לקדש טעקניקלי מיינט זאגן מקדש. מ'וועט זען עניווייעריג, נישט אלעמאל זאגט מען מקדש מקדש, ס'איז תלוי אין פארשידענע הלכות. דאס איז סתם איין וועג וויאזוי מ'איז מכריס פאר די עולם. די לשון קדש איז נישט הייליג, טעקניקלי איז עס נישט הייליג.

### אויף וועמען איז די מצוה? נאר דער ראש בית דין?

ראש חודש, ס'איז נישט נאר פשט אז נאר דער ראש בית דין האט די מצוה, למשל, דער ראש בית דין האט די מצוה. מ'דארף רעדן וועגן דעם עקסטער, איין סעקונדער, באט איך וויל זאגן אז נישט די לשון לקדש מיינט אז מ'זאגט אז היינט איז ראש חודש, לכאורה פון דעם הייסט עס לקדש, מ'איז מקדש די קדושה, די ראש חודש האט עפעס א קדושה, מ'ברענגט קרבנות וכדומה.

אבער לכאורה, די דער עיקר איז נישט יענץ אויף די זאגסט, דער עיקר איז נישט צו מאכן אין די חודש. דאס איז נישט די מצוה, די מצוה איז צו מאכן ווען די חודש הייבט זיך אן. וואס איז, וויאזוי טוט מען דאס? דורכדעם וואס מ'רעכנט די חשבון און מ'פגערט אויס, אמאל לידי אפשר דורך ראיה, מ'דארף באלד זען די רילעישאנס צו ראיה און די חשבון. ווייל ס'זעט אויס אז דער רמב"ם האלט אז דאס אלעס איז די פארט.

עס זעט אז דו פרעגסט אז די מצוה איז אויף די ראש פון בית. בכלל, דער רמב"ם אינעווייניג גייט זאגן בפירוש אז די מצוה איז אויף די בית פון בית. אבער ס'איז נישט קלאר אז ער מיינט צו זאגן אז די מצוה איז נאר אויף די בית. אדער ס'איז מסביר עס אז מ'דארף פאלגן וואס זיי זענען קובע ווען ס'איז ראש חודש, קענסטו שוין אליינס מאכן.

לכאורה איז דא פלעצער וואו ס'איז משמע אז אלע אידן וואס האבן א חלק אין דעם איז א מצוה, און זיי האבן געלערנט אז מ'מעג ארויסגיין. יא, אונז וועלן מיר לערנען נאך אין שבת, אבער איך געדענק אין מסכת שבת, פארשידענע קהילות וואס מען מעג נעמען שבת כדי צו קענען גיין. יא, אבער איך ווייס נישט אויב דאס איז א... און מען מאכט א סעודה, א סעודת מצוה ווערט עס גערופן.

אקעי, אבער דאס קען זיין, ווייל אוודאי העלפסט פאר די בית דין. איך בין מסכים, ס'זעט דאך אזוי אויס, באלד וועט מען זען.

### דער פסוק "כי היא חכמתכם ובינתכם" — די מחלוקת רמב"ן און בה"ג

דער רמב"ם האט נישט געברענגט דאס, ס'איז דאך דא נאך א מצוה וואס הייסט "השמרתם ועשיתם כי חכמתכם ובינתכם". שטייט אין די גמרא אז דער חושב תקופות סאו ס'איז דא דריי פירושים אין די מימרא. דאס הייסט, דער רמב"ן האט גע'טענה'ט אז דער פסוק מיינט די מצוה פון מאכן עיבור שנה. דער רמב"ן זאגט אז ס'איז דא צוויי מצוות, דער בה"ג האט גערעכנט פאר צוויי מצוות. האט דער רמב"ן די צווייטע מצוה וואס דער בה"ג האט גערעכנט, דער בה"ג האט עס גערעכנט.

## מצות קידוש החודש: אויף וועמען ליגט די מצוה? חשבון תקופות ומזלות, און די ערשטע הלכה

### מצות קידוש החודש — אויף בית דין אדער אויף יעדן איד?

בכלל, דער רמב"ם אינעווייניג גייט זאגן בפירוש אז די מצוה איז אויף די בית דין, רייט? אבער ס'איז נישט קלאר אויב ער מיינט צו זאגן אז די מצוה איז נאר אויף די בית דין, אדער ס'איז מוטל על בית דין אז מ'דארף פאלגן וואס זיי זענען קובע ווען ס'איז ראש חודש, קענסטו שוין אליינס מאכן.

לכאורה איז דא פלעצער וואו ס'איז משמע אז אלע אידן וואס האבן א חלק אין דעם איז א מצוה. מ'האט געלערנט אז מ'מעג ארויסגיין. יא, מ'האט געלערנט אין מסכת שבת, איך געדענק אין מסכת שבת, פארשידענע כלים וואס מ'מעג נעמען שבת כדי צו קענען גיין. יא, אבער איך ווייס נישט אויב דאס איז א... און מ'מאכט א סעודה, א סעודת מצוה ווערט עס גערופן. אקעי, אבער דאס קען זיין, ווייל אוודאי דו העלפסט פאר די בית דין. איך בין מסכים, ס'זעט דאך אזוי אויס. באלד וועט מען זען, דער רמב"ם האט נישט געברענגט דאס.

### מצוה פון "ושמרתם ועשיתם כי היא חכמתכם ובינתכם" — חישוב תקופות ומזלות

#### מחלוקת רמב"ם און רמב"ן אין מנין המצוות

ס'איז דאך דא נאך א מצוה וואס הייסט "ושמרתם ועשיתם כי היא חכמתכם ובינתכם", שטייט אין די גמרא אז דאס איז חישוב תקופות. סאו ס'איז דא צוויי, דריי פירושים אין די מימרא. דאס הייסט, דער רמב"ן האט גע'טענה'ט אז דער פסוק מיינט די מצוה פון מאכן עיבור שנה. דער רמב"ן זאגט אז ס'איז דא צוויי מצוות, דער בה"ג האט גערעכנט פאר צוויי מצוות. האט דער רמב"ן, די צווייטע מצוה וואס דער בה"ג רעכנט... דער בה"ג האט גערעכנט אלס די מצוה פון קענען אסטראנאמיע, יא? ניין, ס'שטייט נישט דארטן א חודש, ס'שטייט תקופות, מזלות. סאו דאס זאג איך, ס'איז דא א מחלוקת. דער רמב"ן האט פארשטאנען אז וואס דער בה"ג מיינט צו זאגן איז נישט צו קענען אסטראנאמיע, נאר צו... דאס הייסט, מ'דארף קענען אסטראנאמיע פאר דעם. פאר קידוש החודש? נישט קידוש החודש, פאר עיבור שנה. צו וויסן וועלכע... דאס איז די טייטש.

און דער רמב"ן האט טענות אויף דעם רמב"ם, פארוואס רעכנט ער איין מצוה אין קידוש החודש? וואס איז געשען מיט די מצוה פון מאכן עיבור שנה? דער רמב"ם זאגט אז ס'איז איין מצוה, און אין ספר המצוות זאגט ער קלאר, "חדשים ושנים". רייט. דא פעלט עס, אבער ס'איז נאך אלץ אין די פרק זאגט ער עס יא קלאר. רייט. אז דאס איז איינס.

#### דער רמב"ם'ס שיטה: חשבון תקופות איז א חלק פון תלמוד תורה

ס'איז דא אנדערע וואס לערנען דעם רמב"ם, אז לכאורה אזוי האט ער געלערנט, און אנדערע לערנען אויך אין די בה"ג אזוי, אז ס'איז דא אן עקסטערע מצוה פון לחשב. די מצוה איז נישט צו... דאס הייסט, דא רעדט מען פון די מצוה פון זאגן ווען איז ראש חודש, כדי צו זאגן. די אלע מיני פרטי הלכות קענסטו זאגן וויאזוי מ'ווייסט. אבער איך וואלט אפשר געקענט זאגן אז דער רמב"ם דארף נישט לערנען די בה"ג, ווייל דער רמב"ם האט אנגעקוקט ווי ס'איז א חלק פון תורה. אזוי ווי ער האט געזאגט, אז וויסן אלע חכמות, ספעציעל חכמה וואס האט שייכות צו זאכן אין תורה, איז א מצוה פון לימוד התורה. ווען איינער לערנט אן אסטראנאמיע, איז עס נישט אן עקסטערע מצוה פון לימוד התורה, ס'איז א חלק פון די מצוה פון לימוד התורה. סאו דא וועט עס זיין די ערשטע מאל ווען ס'וועט זיין נוגע, ווען ס'איז למעשה. ווען מ'פירט עס אויס לידי מעשה, אבער איינער לערנט עס ווי א סוגיא, דו דארפסט נישט האבן אן עקסטרע "ושמרתם", ס'איז א מצוה פון תלמוד תורה, ניין?

דו זאגסט לויט דעם... יא, איך הער. דו זאגסט אז ס'איז א מחלוקת צי ס'איז פארט פון די תורה. רייט, לויט די בה"ג האסטו נישט פארט פון די תורה, ווייל די בה"ג וועט מאכן א קלארע חילוק צווישן תורה און חכמה. אבער דער רמב"ם, וואס אלע חכמות וואס האט צו טון מיט תורה איז א חלק פון תורה...

#### דער רמב"ם'ס תשובה — חשבון תקופות איז פאר אהבת השם

אה, סאו דער רמב"ם האט זיכער אזוי געלערנט. דאס הייסט, דער רמב"ם האט א תשובה, ער ברענגט... איך זע עס נישט דא, מ'ברענגט די תשובה אין אנדערע פלעצער. מ'האט אים געפרעגט די גמרא מיט "ובכך אתה מכיר מי שאמר והיה העולם". ניין, דער רמב"ם האט צוגעשטעלט די צוויי גמרות. אין די גמרא שטייט אז "כל מי שיודע לחשב תקופות ומזלות ואינו מחשב" איז עובר, ס'שטייט "כי היא חכמתכם" וגו'. האט איינער געפרעגט פאר'ן רמב"ם, וואס איז די גרויסע ענין? האט דער רמב"ם נישט געענטפערט אז כדי מ'זאל קענען וויסן ווען צו מקדש זיין דעם חודש. האט דער רמב"ם געענטפערט אז די תועלת פון דעם איז צו וויסן גדלות השם, אזוי ווי ער איז מסביר, ער צייכנט צו צו הלכות יסודי התורה, אהבת השם, מצות אהבת השם איז מקיים לויט'ן רמב"ם. דו ביסט גערעכט אז ס'איז לכאורה אויך די מצות תלמוד תורה, אבער ס'איז אויך די מצות אהבת השם.

בעצם אין ספר המצות זאגט דאך דער רמב"ם אז לערנען תורה איז אויך די מצוה פון אהבת השם, וויסן דעם אייבערשטנ'ס תורה. סאו דאס וועט זיין א בריש צווישן ביידע. להתבונן במעשיו, ווייל ידיעת השם, אהבת השם, מיינט להתבונן במעשיו יתברך. חכמתו איז נישט קיין גוטע ווארט, דער תניא זאגט עס, אבער חכמתו הייבט מען אן צו מיינען אז ס'מיינט דער אייבערשטער'ס חכמה. דער אייבערשטער האט נישט קיין חכמה אליינס, דער אייבערשטער'ס חכמה מיינט חכמת מעשיו. סאו, אקעי, דאס איז נישט די טעאלאגיע יעצט, אבער ס'שטימט. סאו, דער רמב"ם האט געלערנט אז דאס איז א חלק פון די מצוה פון אהבת השם, פון אזוי ווי דו זאגסט תלמוד תורה, און אוודאי איז דאס א גרויסע חלק פון מעשי השם, איז די הימל וויאזוי ס'ארבעט וכו'.

#### דער ראגאטשאווער'ס כלל — יעדע מצוה האט אירע "הלכות" אין דער וועלט

און איך טראכט אבער אז ס'קען זיין אז ס'איז אזוי ווי אסאך מצוות האבן תורה וואס איז קאנעקטעד מיט זיי. אזוי ווי דו לערנסט מצות שבת, לערנסטו אויכעט וויאזוי ס'ארבעט ל"ט מלאכות, רייט? ס'איז אויכעט א חלק פון די ריאליטי וואס מ'דארף פארשטיין כדי צו זיין די זעלבע זאך. די חשבון תקופות איז די חלק התורה וואס געהערט צו מצות תלמוד תורה. אזוי ווי דער ראגאטשאווער זאגט אז וויסן וועגן בעלי חיים איז א חלק אין הלכות טריפות. נישט יענע מצוה, אבער איך זאג, ס'קען זיין אז אויפ'ן כללי, דער ראגאטשאווער זאגט אז צו לערנען, צו זיין א דאקטער איז א חלק פון די מצוה פון "ורפא ירפא", ס'איז א מצוה פון א איד. יעדע מצוה, זאגט דער ראגאטשאווער, האט הלכות. ס'שטייט אין די תורה איין מצוה אז מ'זאל נישט גנב'ענען, איז דא א גאנצע סדר נזיקין, פרטים פון וויאזוי ס'ארבעט. און די פרטים זענען מעשי השם, די פרטים זענען פרטים פון וויאזוי מענטשן ארבעטן, וויאזוי סארט קאנטרעקס זענען דא, וויאזוי סארט שומרים, וויאזוי סארט נזיקין. ס'איז אלץ הלכות פון די זאך, און דאס איז יעדער איינער מודה אז ס'הייסט תלמוד תורה.

זאגט דער ראגאטשאווער, אז אויב ס'איז דא א מצוה פון אויסהיילן אידן, ס'איז אוודאי א מצוה, און די מצוה האט אויך זייערע הלכות. וואו שטייט אלע הלכות פון דאס? אין ספרי רפואה. ער ברענגט אז ס'איז דא א לשון המשנה אין איין פלאץ, "זה מהלכות הרופאים ולא מהלכות החכמים", עפעס אזוי. זאגט ער, ס'איז דא הלכות הרופאים.

#### דיסקוסיע: וויפיל פון דער חכמה איז א חלק פון די מצוה?

אבער דארף וויסן, למשל, ווי איינער לערנט די ל"ט מלאכה, ער לערנט סידורא דפת, וויאזוי מען מאכט לעדער. ס'איז מסתמא דא וויפיל מען דארף וויסן פאר הלכה. אויב ער גייט יעצט לערנען פאר יארן לאנג אגריקולטור, קען מען נישט זאגן אז גאנץ אגריקולטור איז א סניף פון חורש זורע. אפשר נאר וויפיל ס'איז נוגע?

איך ווייס נישט, אז נישט וועט ער זיך א גאנץ לעבן מבטל זיין אויף אגריקולטור און נישט אנקומען צוריק צו קיין שום חלק פון די תורה. נאר נוגע? וויפיל ס'קען זיין נוגע? וואס טייטשט זורע? איינמאל ווייסט שוין זורע... מעשה השם יא אפשר, קען זיין אז דאס איז אזוי ווי לערנען מעשה בראשית. די גאנצע תורה איז מעשה השם. ס'איז דא תורה על מנת לעשות, איך וועל עס פסק'ענען, דעמאלטס איז מצומצם. אויב איינער וויל לערנען על מנת לחשב, איז לכאורה נישט אזא פראבלעם, ווייל מיט דעם ישליש אדם לכאורה קומט זיך באזארגן פאר דעם אז מ'זאל נישט נעגלעקן אנדערע חלקים. אמת, מ'דארף לערנען סיי למעשה די משנה און סיי די תלמיד, וואס מיינט... יעצט פרעגן וועלכע חלק פון תלמיד זאל מען מעדיף זיין. אקעי, ס'איז שוין מער דיטיילס וואס מ'דארף לערנען. יא.

**צי יעדער איד איז מקיים א מצוה דורך לערנען חשבון תקופות?**

**דקדוק אין לשון הרמב"ם "לחשב ולידע... ולקבוע"**

אקעי, סאו לאמיר לערנען. ס'קען אויך יעצט זיין, דאס דארף מען וויסן. צי די לשון "לחשב ולידע" מיינט ס'איז דא א מצוה צו וויסן, דאס איז אונז טענה יעצט, אז כאילו יעדער איד וואס לערנט דאס איז מקיים די מצוה פון מצות קידוש החודש. ס'איז א פארט פון דעם. אוודאי, איך בין נישט קיין בית דין, איך קען נישט גארנישט טון, אפשר וועל איך מארגן זיין דער בעסטער, אבער אפילו נישט. ס'איז דא א מצוה "לידע". דער בית דין האט זיכער א מצוה, זיכער א מצוה על הבית דין מיינט אז מ'פאלגט זיי, אבער קען זיין אז ס'איז דא א מצוה פאר ידיעה. דער רמב"ם האט דאך אזוי שטארק דריי גערוען צו שרייבן דאך את קידוש החודש, ער האט מסתמא געסמידט פאר דעם חדשים מיט יארן, איך ווייס נישט. ס'מוז דאך זיין אז ער האט געהאלטן אז ס'איז א מצוה צו וויסן, ווייל פראקטיש, דער בית דין אויספיגערן.

סאו דארף מען לייגן די דגש אויף די ו' פון לידע, "לחשב ולידע". ס'טייטש, אויסצורעכענען און וויסן, ווייל איינער וואס ווייסט ווייל איינער האט אים געזאגט, ער האט גארנישט געטון. פארקערט. "ולקבוע" וועט זיין די מצוה אויף די בית דין פון טון די מצוה, פון מקדש זיין אפשר. ס'איז דא א מעלה אדער א חלק פון די מצוה צו קענען רעכענען, נישט נאר צו קוקן אין די לוח און וויסן וועו ס'איז ראש חודש. אויב מ'מאכט די דקדוק אויף זיין ו', "לחשב ולידע" איז איין סעט, און "לקבוע" איז די נעקסטע זאך. למשל, מ'רופט וויסן דורך חשבון, נישט סתם וויסן ווייל... קען זיין על ידי שאלה מחשב ויודע. קען זיין אז דער וואס מ'איז מכריז פאר די שבת מברכים, איז מכריז די מולד, איז מען נישט יוצא. מ'דארף רעכענען די מולד.

ניין, ס'איז נישט קיין חשבה לידה, ס'איז נאר א לידה. מ'דארף רעכענען די מולד. יא, אבער ס'איז טאקע אינטערעסאנט אביסל, לכאורה נאר א מצוה פון בית דין. ממילא מוז מען זאגן, אזוי פארשטיי איך, אז דאס וואס דער רמב"ם האלט אז ס'איז אן ענין פאר יעדער אינס צו טון, איז פארט פון די "כי חכמתכם" מצוה.

**הלכה פון סנהדרין – "שלא תהא סנהדרין שומעת מפי התורגמן"**

אפילו אויף בית דין, איז פשט אז דער בית דין דארף אליין מאכן... לאמיר זאגן אז דער בית דין וואס איז זייער שוואך מעט, און זיי וועלן ברענגען א מומחה וואס זאל זיי זאגן זיין טאטעל. ער זאל זיי נישט מקיים זיין די מצוה, וועלן זיי וויסן. ניין, אויף דעם שטייט "שלא תהא סנהדרין שומעת מפי התורגמן". אז סנהדרין, דער רמב"ם זאגט אז ס'איז די הלכה. דער סנהדרין מוז קענען אליין... חכמות וועלכע איז קודשא חודשפאל. דו קענסט נישט ראסטן די מומחה. אוודאי קען ער נוצן א מומחה, באט ער דארף דאך וויסן אז די מומחה ווייסט וואס ער רעדט. זאל עס נישט סתם גליייבן, עס זאל זיין א חלק פון די חכמה, אפילו אויב די צווייטע ווער טוט די לאנגע חשבון.

און אויב די מומחה איז די מומחה די סנהדרין, וואס מיינט ער צו זאגן? א שאלה פון פראקטיש, וויאזוי מען שטעלט אויס די סדר פון סנהדרין. אפשר דו ביסט דער רב אויף הלכות קדושת חודש. איך ווייס נישט זאגן אזוי, אין בית המדרש איז דא, דער עולם זאגט נאך ראש חודש איז ביום פלוני ופלוני. איינער רופט עס אויס, און יעדער האט געטשעקט אין די לוח. האט ער געוואוסט פון די ערשטע לוח. די ערשטע לוח האט מסתמא געמאכט די חשבון. סאו ווער האט געמאכט דא די מצוה? וועסטו זאגן, נאר די ערשטע לוח האט געמאכט די מצוה. אלע אנדערע האבן געמאכט נאר די לידה, נאר נאכגעמאכט. לכאורה, ער איז די בית דין. אבער ס'איז דא א מצוה פאר יעדער איינער.

**דער רמב"ם'ס 15-16 פרקים זענען נישט נאר פאר בית דין**

ס'זעט אז דער רמב"ם האט געשריבן פופצן, זעכצן פרקים, ער האט נישט געשריבן נאר פאר די בית דין. די פרקים זאלן געמאכט פאר יעדער איינער זאל וויסן. ווייל דאס לכאורה, אזוי ווי דאס איז א חלק פון תלמוד תורה אדער פון ידיעת השם, איז וויכטיג צו וויסן. און יא, ער האט געזען א ברענג פון די בני יששכר אז ער באקלאגט זיך אז ער האט נישט געלערנט, ס'איז שווער פון וועו צו לערנען. ער זאגט אז היינט וואס מ'קען עס נישט טון, זאל מען אליסט לערנען, אבער דער רמב"ם האט נישט געוואלט עס שוין אזוי פארשטאנען לכאורה. ס'איז נישט קיין במקום, די לערנען איז נישט במקום קובע זיין בית דין, די לערנען איז אן עקסטערע זאך.

**דיגרעסיע: "הלוואי אותי עזבו ותורתי שמרו"**

דארף צו טראכטן, ס'איז דא מענטשן וואס למשל זיי פרעגן עפעס א קשיא וועגן יסודות הדעת. אנשטאט דורכגיין די גאנצע חשבון, וועט מען אים זאגן, ווייסט ווי קלוג דער רמב"ם איז געווען? דער רמב"ם איז געווען דער גרעסטער חכם בימיו, און ער איז געקומען צו די מסקנא. ער פילט אזוי ווי מיט דעם האט ער שוין... שוין אנגעקומען צו די ואהבת, דורך זאגן אז דער רמב"ם האט דאס געוואוסט, אבער מ'זאל נישט יוצא זיין לכאורה, מ'זאל נאך טון די עקטשועל חשבון.

דער רבי שמעון האט געזאגט אז אויף דעם שטייט הלוואי אותי עזבו ותורתו שמרו. לאז אפ די גרויסע אמונה, קודם לערן, נאכדעם ביסטו אותי עזבו. אותי עזבו לערנט, ער מיינט אז מ'איז נישט חוקר, ווייל מ'פארשטייט גדלות ה', אז דער אייבערשטער איז גרעסער פון דיינע חקירות. אבער דאס איז נאר אויב תורתו שמרו. אויב דו האסט געלערנט, און נאכדעם זאגסטו איך פארשטיי נישט, דער אייבערשטער איז למעלה, איז עפעס ווערד. אותי עזבו ותורתו לא שמרו האט נישט קיין טעם.

אקעי, וואס קומט עס דא אריין צוריק אין קאנצע לערנען? איך האב געזאגט, סאו דארף מען לערנען פרק א'.

**הלכה א – חדשי השנה הם חדשי הלבנה**

**חדשי השנה הם חדשי הלבנה.** די חדשי השנה, וואס אונז ווייסן אז ס'איז דא צוועלף חדשים, און אונז רעכענען יום טוב איז געווען, און אין תורה שטייט בחדש השביעי, בחדש הראשון. וואס רעדט מען פון דא? די חדשי הלבנה. יעדע חדש איז פון וועו די לבנה הייבט אן ווערן אויפגעפרישט. די ווארט חדשי מיינט מלשון חידוש, יא? פון חידוש הלבנה.

**שנאמר, זאת עלת חדש בחדשו לחדשי השנה.** סאו טייטשן חז"ל, עולת חודש בחדשו, די עולת וואס מ'דארף ברענגען יעדע חודש, יעדע ראש חודש, האט צוטון מיט לחדשי השנה, די צייטן וועו דער חודש ווערט נתחדש. דער חודש בחדשו,

**חדשי הלבנה, שני החמה, און דער מקור פון לוח העיבור**

**הלכה א (המשך) — חדשי הלבנה: דער מקור אז חדשים גייען לויט די לבנה**

**דער יסוד: חודש = חידוש הלבנה**

**Speaker 1:**

וואס רעדט מען פון דא? די חדשי הלבנה. יעדע חודש איז פון ווען די לבנה הייבט אן ווערן אויפגעפרישט. די ווארט "חודש" מיינט מלשון חידוש, יא? פון חידוש הלבנה. שנאמר, **"זאת עולת חדש בחדשו לחדשי השנה"**. סאו, טייטשן חז"ל, "עולת חדש בחדשו", די עולה וואס מ'דארף ברענגען יעדע חודש, יעדע ראש חודש, האט צוטון מיט "לחדשי השנה", די צייטן ווען דער חודש ווערט נתחדש. "חדש בחדשו", דער חודש נתחדש. יא? האט עס צוטון מיט דעם אז דער חודש ווערט נתחדש.

ווייל די זון ווערט נישט נתחדש. אויב מ'מאכט צוועלף חדשים לויט די זון, איז נישטא קיין חידוש על החמה. די חמה ווערט נאר יעדן טאג, ס'האט נישט קיין מאנטלי אדער קיין אנדערע סייקל. די איינציגסטע זאך וואס האט א מאנטלי סייקל איז די לבנה.

#### פארוואס דארף מען א מקור? די פראבלעם מיט די תורה'ס לשון

### Speaker 1:

לאמיך מסביר זיין וואס איך מיין אז ס'גייט דא פאר. וואס ס'גייט דא פאר איז, אז ס'איז דא די רמב"ן אין די פרשה זאגט די דבר וואס יעדער יונגל ווייסט, אז א חודש רעכנט אידן, די תורה, יא, רעכנט מען פון די לבנה, און א יאר רעכנט מען מיט די זון. נאכדעם איז דא עיבור וואס קאנעקט די צוויי זאכן.

איז, אבער די פראבלעם איז אז מ'דארף האבן א מקור פאר דעם. אין די גאנצע תורה, די תורה ווערט דערמאנט חדשים אסאך מאל, אזוי ווי דו זאגסט, אבער ס'שטייט קיינמאל נישט דערמאנט די לבנה. דער אמת איז אז ס'שטייט יא, אין די וואכעדיגע סדרה שטייט, **"ובכתה את אביה ואת אמה ירח ימים"** - א לבנה פון טעג. "ירח" טייטשט א לבנה, אמת? אבער ס'שטייט נישט אז ירח איז א חודש.

#### די מעגלעכקייט פון א זון-באזירטן לוח

### Speaker 1:

סאו, אין אנדערע ווערטער, אויב איינער וועט זיך עקשנ'ען - איך געדענק דער אבן עזרא ברענגט אין פרשת החודש, ס'איז געווען קראים וואס האבן זיך גע'עקשנ'ט וועגן דעם - אויב איינער וועט זיך עקשנ'ען, וועט ער זאגן אז ס'איז נישטא קיין שום מקור אין די תורה אז א חודש האט מיט די לבנה. אפשר א חודש האט מיט די זון?

אבער אויב איינער גייט מיט די זון, דארף מען אויך נישט מאכן קיין צוועלף חדשים. מ'קען נאר מאכן איין מאל, אז יעדע יאר ווערט נאכאמאל ווינטער און זומער. אמת? ס'איז דא פיר סעזענס פון די יאר. אבער דאס אז ס'איז דא... ס'שטייט אזוי, אין די מינוט ס'איז דא "בחדש השביעי", מוזן אונז וויסן אז ס'איז דא עפעס מער ווי די זון. מ'קען עס צוטיילן אין צוועלף אויב מ'וויל. מ'קען טון וואס מ'וויל. אבער ס'איז רענדאם, ווייל אונז ווילן עס צוטיילן מער ווי אין פיר סעזענס. מ'וואלט געקענט מאכן פיר סעזענס. ס'וואלט געווען.

איך זאג נאר, ס'קען איינער זיך עקשנ'ען אזוי. נישט נאר ס'קען, ס'איז דא פעימעסלי רחל אליאור וואס טענה'ט אז ס'איז געווען א פיר. זי האט עפעס א שיטת צדוקים, איך ווייס, קומראנים, עפעס מענטשן וואס טענה'ן אז זיי האבן געהאט א לוח, אינגאנצן א לוח פון די זון. און זיי האבן חדשים, אבער יא, עפעס א תורה, עפעס א וועג. זיי טענה'ן אביסל אנדערש, דאס הייסט, זיי מאכן די עיבור אנדערש. זיי מאכן, און ס'לייגט זיך פון, איך געדענק זיי קאנעקטן עס אויך מיט די טעג פון די וואך. סאו ער מאכט א יעדע חודש פון פיר טעג, און נאך צוויי טעג ליידיג, און יעדע חודש, עפעס אזוי. קומט, ס'שטימט אים מיט זיין חשבון פונקטליך לויט די זון. און ער טענה'ט אז ס'שטייט נישט אין די גאנצע תורה ולבנה.

#### די קאמפליקאציע פון אונזער לוח

### Speaker 1:

און דער אמת איז, מ'דארף דאך דאס קלאר מאכן, אונזער לוח איז זייער קאמפליקירט ווייל ס'איז א שילוב פון די צוויי אנדערע לוחות. ווען מ'גייט אינגאנצן מיט די זון, קען מען מאכן א זייער סימפל לוח. ביסט געגרעכט, אז די לבנה וועט נישט אריינקומען, מ'וועט מאכן א חשבון וויאזוי ס'קומט אויס בערך צוועלף חדשים א יאר, אדער פונקטליך. דאס הייסט, ס'זאל זיין אפילו מער פונקטליך, דאס איז מעסי, ס'זאל זיין מער פונקטליך בעצם, ס'זאל זיין קלאר. מ'קען אפילו מאכן שבת זאל אויך שטימען, ווייל ביי אונזער לוח קומט דאך אמאל אויס פסח שבת, אמאל זונטאג, אמאל דינסטאג, און אזוי ווייטער. מ'קען מאכן אלעס הונדערט פראצענט פונקטליך אויב מ'רעכנט זיך נאר מיט די זון, און אויף דעם זוכט דער רמב"ם כאילו א מקור.

#### דער פשט'ע טייטש פון "חודש"

### Speaker 1:

איך מיין אז דער אמת איז אז מ'דארף נישט קיין מקור, פשוט פשט, ווער ס'לערנט חודש אין די תורה, אזוי ווי דו זאגסט, חודש מיינט אז ס'ווערט א נייע זאך. חודש אפילו מיינט אפילו אסאך מאל די טאג ראש חודש, אזוי ווי מחר חודש, יא? מחר חודש מיינט נישט ראש חודש, מחר חידוש החודש, חידוש הירח. חודש מיינט די צייט ווען ס'ווערט א התחדשות אין די לבנה.

אזוי ווי מ'זעט אנדערע מאל שטייט ירח. "ירח ימים" איז דאך זייער א קלארע ראיה. "לירח השנה" שטייט אויך ביי שמואל. איך ווייס נישט. "לירח השנה"? איך ווייס נישט. אקעי. **"כי זה חוק לישראל הוא משפט לאלקי יעקב"**. אקעי.

#### דיסקוסיע: "שלשה ירחים" — א ראיה אדער א קושיא?

### Speaker 2:

וואלט איך געפרעגט פון "שלשה ירחים", אפשר קען איינער זאגן פארקערט, אויב ס'שטייט דא ירחים, משמע אז א חודש איז נישט קיין ירח.

### Speaker 1:

איך ווייס נישט. מ'זעט אז מ'מאכט פיריאדס פון צייט בעיסד אויף די ירח, און די אנדערע פיריאדס פון צייט וואס אונז ווייסן איז די זיבן חדשים. סאו די זיבן חדשים איז די זעלבע ווי די שלשה ירחים פון וואס מ'רעדט. קען זיין.

#### היסטארישע מענטשן וואס האבן זיך געשטריטן

### Speaker 1:

אויב איינער וויל זיך עקשנ'ען, זאג איך, ס'זענען געווען היסטארישע מענטשן וואס האבן זיך עקשנ'ט געווען אין דעם, און זיי האבן געזאגט אז א חודש האט נישט מיט די לבנה.

#### דער רמב"ם'ס ראיה פון "עשה ירח למועדים"

### Speaker 1:

ברענגט דער רמב"ם אן אינטערעסאנטע ראיה וואס איך פארשטיי נישט אזוי גוט. **"עשה ירח למועדים"** איז אויך א פסוק וואס איז דא קלאר, יא? "עשה ירח למועדים", פסוק אין תהלים. למועדים איז תלוי אין די ירח. לאמיר זאגן, מועדים מיינט נישט דווקא ימים טובים, למועדים מיינט פארציילן.

ס'איז דא א פסוק אין מלכים, **"בירח בול הוא החדש השמיני"**, אדער **"בירח האיתנים בחג הוא החדש השביעי"**. סאו בקיצור, ספר מלכים האט זיכער נישט געהאלטן אזוי ווי דער מענטש, אבער מ'ווייסט דאך אלעמאל עצות. עניוועיס, דאס האט ער געמיינט מסתמא, רייט?

#### דיסקוסיע: דער טייטש פון "עולת חדש בחדשו לחדשי השנה"

### Speaker 2:

"מאי שנה? מספר ירחים".

### Speaker 1:

יא, איך מיין אז ס'איז קלאר, אבער מ'זוכט דאך א מקור. דאס איז עפעס די מקור. איך פארשטיי נישט אזוי גוט די טייטש פון "חודש בחודשו", אבער אזוי דארף מען טייטשן אזוי ווי דו האסט געזאגט. חודש מיינט די צייט פון חידוש הירח, און נאר מ'זאגט "לחדשי השנה", אז די יאר איז צוטיילט אין די חדשים. "עולת חדש בחדשו לחדשי השנה" שטייט.

### Speaker 2:

יא, יא, אונז האלטן נאכנישט ביי יענעם פסוק, אבער וואס איז דער רמז? שנאמר "עולת חדש בחדשו". ער ברענגט נישט די ענד פון די פסוק, אבער "לחדשי השנה". ס'איז סתם אויך געווען אין די חדשים פון די יארן. יעדע יאר, ס'איז דא יארן.

**:Speaker 1**

יא, אבער אז די יאר איז תלוי אין די "חודש בחודשו".

**:Speaker 2**

ניין, די יאר איז נישט תלוי אין דעם. ער מיינט יעדע חודש איז די יאר.

**:Speaker 1**

יא, יא, בקיצור, אז ס'איז נישט אן עקסטערע זאך, וואס ווען קען זאגן אז די יאר ווערט גערעכנט מיט די זון און נאכדעם איז דא עפעס אן עקסטערע זאך וואס הייסט חדשים.

**:Speaker 2**

אקעי. דאס איז עקזעקטלי וואס אונז זאגן.

**:Speaker 1**

ניין, אבער שפעטער גייען מיר אונז זאגן אז מ'קאנעקט די צוויי זאכן. זאגט ער, דא אליין קענסטו שוין ברענגען עפעס א ראיה אז די צוויי זאכן ווערן עפעס קאנעקטעד.

**דער אבן עזרא'ס קושיא אויפן רמב"ם'ס טייטש**

**:Speaker 1**

בקיצור, דער רמב"ם האט געטייטשט "עולת חדש בחדשו" - יעדע ראש חודש בשעת וואס די לבנה איז מתחדש. דער אבן עזרא זאגט שוין אז דאס איז נישט די פשוט'ע פשט, ס'איז מער אזויווי "שבת בשבתו", דאס הייסט יעדע סינגל חודש. עניוועיס, איך וואלט אויך געקענט טייטשן "שבת" ווען ער איז שובת אפשר. על כל פנים, דאס איז דער רמב"ם'ס טייטש.

**דער רמב"ם'ס צווייטע ראיה: "החדש הזה לכם" מיט דעם מדרש**

**:Speaker 1**

"כך אמרו חכמים". ער האט נאך א ראיה. ניין, "ונאמר". אה, "ונאמר". שטייט אין פסוק ביי די ערשטע מצוה פון די תורה, פאר משה רבינו געבט איבער פאר די אידן די מצוה פון פסח, שטייט אזוי: **"החדש הזה לכם ראש חדשים"**. דער חודש זאל זיין דער ערשטער פון די חדשים.

"כך אמרו חכמים". האבן די חכמים געזאגט, "הראה לו הקדוש ברוך הוא". און דא שטייט נאך נישט וואס דער חודש איז, אז ס'איז תלוי אין די ירח. אבער די חכמים זאגן אזוי, "כך אמרו חכמים". די חכמים זאגן וואו? ס'איז א מדרש? ברייתא, תנא רבנן, **"הראה לו הקב"ה למשה במראה הנבואה דמות לבנה"**. דער אייבערשטער האט געוויזן פאר משה רבינו במראה הנבואה דמות לבנה, אז ווען מ'רעדט פון חודש, מיינט מען דאס. **אמר לו כזה ראה וקדש**. ער האט געוויזן א נייע לבנה, ער האט געוויזן א קליינע לבנה, און ער האט געזאגט אז ווען דו זעסט אזא לבנה, ווערט ראש חודש.

**דער מדרש'ס דיוק אין "הזה"**

**:Speaker 1**

דער מדרש איז מדייק. דער רמב"ם זוכט א מקור אז חודש קומט פון די לבנה. דער רמב"ם האט נישט קיין פראבלעם צו ברענגען א מדרש, דער מדרש איז מקובל. סאו, ברענגט ער, דער מדרש טייטשט די ווארט "הזה". וואס הייסט "הזה"? פשוט'ע טייטש מיינט "דער חודש", ווי אונז האבן געזאגט. אבער דער מדרש האט געטייטשט אנדערש: נישט אז דאס זאל זיין דער ערשטער חודש, נאר "החודש הזה", דאס וואס איך ווייז דיר. אזוי ווי אפאר מאל וואס שטייט א "זה", און דער אייבערשטער האט געוויזן באצבע. דער מדרש טייטשט אפאר מאל אזוי. איז דאס איז דער רמב"ם'ס ראיה אז ס'מיינט די לבנה.

**דיסקוסיע: פארוואס שרייבט דער רמב"ם "במראה הנבואה" אנשטאט "באצבע"?**

**:Speaker 2**

יעצט, מיר האבן באמערקט פריער - פארוואס פארצייל איך פאר'ן רמב"ם וואס אונז האבן געטון פריער? אבער דו האסט מיך געפרעגט פריער פארוואס דער רמב"ם האט געשריבן "במראה הנבואה". אין די מדרש שטייט, "הראה לו הקב"ה באצבע".

**:Speaker 1**

אונז פארשטייען אליינס אז דער רמב"ם האט נישט געקענט איבערשרייבן אזא לשון "באצבע", דער אייבערשטער האט דאך נישט קיין פינגער. האט דער רמב"ם מסביר געווען, ער האט ארויסגענומען די ווארט "אצבע", ער האט געזאגט ער האט געזען עפעס.

**:Speaker 2**

ניין, אבער איך זאג עס. ס'קען זיין אז דער רמב"ם האט פארשטאנען אז "אצבע" איז א משל אויף מראה הנבואה. דער אייבערשטער האט נישט קיין פינגער וואס ער ווייזט. דער אייבערשטער ווייזט אין די וועג וואס ער ווייזט זאכן פאר נביאים. אדער אזוי, אין די נבואה זעט מען פיקטשערס, זעט מען מראות.

**:Speaker 1**

איך בין מסכים אז ער האט געזען די מראה הנבואה. האט ער געזען א פיקטשער פון אן אצבע, כאילו? ער האט געזען אז אן אצבע ווייזט?

**:Speaker 2**

ניין, ער האט געזען... דער רמב"ם זאגט נישט אז ער האט געזען א פיקטשער פון אן אצבע. ער האט געזען די לבנה. סאו דער רמב"ם האלט נישט אז מ'קען זען די פינגער. סאו דאס איז געווען די מראה הנבואה.

**:Speaker 1**

ס'זעט נישט אויס, ווייל דער רמב"ם זאגט קיינמאל נישט, אדער כמעט קיינמאל נישט, אז די נביאים האבן געזען מראות וואס ווייזט אזוי אויף די גוף פון דעם אייבערשטן, אפילו ווען די נבואה איז געווען דער אייבערשטער'ס אצבע, ווייזט עס אן אצבע. לאמיר פארשטיין. איבער די טייטש פון די מדרש איז, דער אייבערשטער האט געוויזן מיט זיין פינגער. לרמב"ם "אצבעו" שטייט "באצבע". דאס איז די טייטש, צדיק. אזוי ווי א ריין טייטל, אייביג ווייל מ'וויל מאכן א סייערע מיט דיין פינגער. דאס איז די טייטש. דער רמב"ם האט נישט געקענט שרייבן אזוי, האט ער געשריבן אז דער אייבערשטער האט געוויזן.

**:Speaker 2**

איך מיין אז אפשר האבן מיר פארשטאנען אז אצבע איז א כינוי פון חכמים פון מראה נבואה. איך האב א ראיה פאר דיר, ס'שטייט דאך א פסוק **"ביד הנביאים אדמה"**. ביד מיינט נישט די יד פון די נביאים, אבער על כל פנים, איז דא אויך ווי ביי די נסים אז ס'איז יד אלקים, אדער אצבע אלקים. אצבע אלקים מיינט פעולת השם, יא? ס'מיינט נישט צו זיין א משל. אזוי ווי ס'שטייט **"כי אראה שמיך מעשה אצבעותיך"**, מיינט נישט אז דער אייבערשטער האט פינגערס, ס'מיינט אז דאס איז מעשה השם. "כזה ראה וקדש" מיינט ער האט אים געוויזן אז ביי די סייז הייסט עס שוין א לבנה, אפילו ס'איז נאר א פירצה. אדער די עצם זאך אז ווען איך זאג "החודש הזה לכם", מיין איך דאס, מיין איך די לבנה'ס חידוש.

**אפשר האט דער אייבערשטער געוויזן מער — אלע הלכות קידוש החודש**

**:Speaker 1**

קען זיין, דער רמב"ם איז נישט אויסגעקערצט די שאלות. עס קען זיין אז דער רמב"ם האט אים געוויזן מער, ער האט אים געוויזן אלע הלכות אויף די לבנה. דו דארפסט דאך געדענקען אז דער רמב"ם זאגט אז תורה שבעל פה האט דער אייבערשטער כאילו געוויזן פאר משה. אין אנדערע פלעצער שטייט "נתקשה משה", right?

ס'קען זיין אז דער סוד איז אז... ער ברענגט, איך האב געזען אין די הקדמה פון די רמב"ם הערוך, ער ברענגט אז דער רמב"ם שרייבט א תשובה, און ס'איז פשוט פאר יעדער וואס לערנט אז ס'איז דא הלכות אזוי ווי הלכות קידוש החודש, דאס הייסט די אסטראנאמיע, ס'איז זייער שווער צו לערנען מפי הכתב. מ'מאכט א דוגמא, ס'איז דאך דא אפילו אזעלכע, וויאזוי הייסט עס? א סטרוקטור, א טרי-די, אזא שולחן. מ'זעט עס, ס'איז זייער שווער צו פארשטיין אן דעם. א פעיפער און ווערטער איז נישט גענוג. סאו מסתמא דער מדרש זאגט אז ס'איז שווער געווען, מיינט דאס? דער אייבערשטער האט געדארפט ווייזן פאר משה, קוק, זע די לבנה דרייט זיך. און אזוי וועט ער קענען זען פון וואס מען רעדט.

אבער דער רמב"ם דא מיינט נישט דאס. דער רמב"ם דא מיינט נאר צו ווייזן א ראיה אז ס'איז געווען די לבנה.

**סיכום: חדשים = לבנה, שנים = חמה**

## Speaker 1:

אקעי. וואס שטייט מיר ווייטער, דאס איז די חדשים. אבער אפשר, חדשים מוז נאך נישט מאכן אז צוועלף פארמט א יאר, ווייל מ'האט געקענט מאכן, איך ווייס, ס'זאל לויפן מערערע חדשים. אבער די חדשים איז תלוי אין א יאר.

**והשנים, שנים מחשבים, שני החמה.** ס'איז נאך נישט תלוי, מ'האט אפילו געזען וואס דאס קנעקט זיך. והשנים, ווען אונז זאגן די שטעת חודש אין די יאר, וואס איז א יאר? שני החמה איז די יאר.

**קידוש החודש — שנת החמה, שנת הלבנה, והסתרת הלבנה**

**הלכה א (המשך) — "שמור את חדש האביב": די ראיה אז שנים רעכנט מען לויט שני החמה**

## Speaker 1:

דער רמב"ן דא מיינט נאר צו ווייזן א ראיה אז ס'איז געווען די לבנה. אקעי. וואס דער רמב"ם זאגט ווייטער, דאס איז די חדשים. אבער אפשר חדשים מוז מען נאך נישט מאכן אז צוועלף פארמט א יאר, ווייל מ'קען מאכן, איך ווייס, ס'זאל לויפן מערערע חדשים. אבער די חדשים איז תלוי אין א יאר. **והשנים, שנים מחשבין**, מ'האט אים שני החמה. ס'איז נאך נישט תלוי, מ'וועט נאך זען וויאזוי ס'קנעקט זיך. והשנים, ווען אונז זאגן די... אין די יאר. וואס איז א יאר? שני החמה, די יארן פון די חמה. **שנאמר, "שמור את חדש האביב"**. אויף דעם איז דא אזא ראיה, שנאמר, "שמור את חדש האביב". די חודש ווען ס'איז פסח, רופט מען עס חודש האביב, די חודש ווען ס'איז פרילינג, ווען ס'איז ספרינג, ווען די זון איז בתקופה, ווען די זון קומט ארויס.

אביב איז נישט טייטש פרילינג. אביב איז טייטש ווען די אורים הייבן אן צו וואקסן. אזוי שטייט אין פסוק, **"כי השעורה אביב"**. און יעצט, אין די וואקסן האט עס זיכער צו טון מיט די זון. ניין, די לבנה מאכט נישט גארנישט די תקופת השנה, די זון. קומט אויס אז ס'שטייט דא אז די תורה רעכנט זיך מיט די סדר הזון.

ניין. דער זעלבער חודש, מ'זאגט **"החדש הזה לכם ראש חדשים"**, דער חודש ניסן איז וואס דארף לערנען אונז די לבנה, און דא זאגן אונז אז ס'איז אביב, חודש האביב. איך זאג אז איך וואלט נישט אזוי געטייטשט, ווייל ס'שטייט נישט דא אז ס'איז די זעלבע חודש. לאזט דיך געדענקען, ס'שטייט נישט בכלל בכלל שלא לבנה אין די תורה. סאו איך מיין אז ס'האט מיר געזען, ער ברענגט פון די... וואס מ'זעט דא סך הכל אין דעם "שמור את חדש האביב" איז אז מ'דארף גיין, די תורה רעכנט זיך מיט יארן פון די זון. יארן איז פון די זון. וויאזוי היכי תקיימו שניהם וועט מען שוין זען?

דא ווערט א סתירה, דער רמב"ם זאגט, ער זאגט נישט די סתירה, אבער וויאזוי קען זיין אז מ'רעכנט די חדשים פאר די לבנה און די זון פאר די יארן? דאס איז די פאקט. זאגט ער, "וכמה יתירה..." איך וויל נאר מאכן מער קלאר, ווייל מ'דארף קלאר ווערן די סדר פון די לשון הרמב"ם. אבער דער רמב"ם ברענגט אין די ערשטע צוויי הלכות איז נאר א מקור פאר די צוויי פאקטן, ווייל איינער האט זיך געקענט דינגען און מענטשן האבן זיך טאקע גערינגען. ס'איז נישטא קיין קלארע מקור אין די תורה נישט אז די חודש מיינט די לבנה, און נישט אז שנה מיינט די זון. ברענגט ער א ראיה פון צוויי ראיות אז לבנה מיינט לבנה, און די זון מיינט די זון, אזוי ווי ס'שטייט "חדש האביב". "חדש האביב" איז א זאך פון די זון, א צאל. ס'שטייט נישט אין די הלכה מער פון דעם.

**הלכה ב — שנה מעוברת: די חילוק צווישן שנת החמה און שנת הלבנה**

## Speaker 1:

יעצט, **וכמה יתירה**, זאגט ער, יעצט זעהט מען אז אונז ווייסן אז ס'ווערט דא עפעס שווער. ער בעט איז **וכמה יתירה שנת החמה על שנת הלבנה.** וויפיל איז לענגער די שנת החמה על שנת הלבנה? אויב מ'זאל אויסרעכענען צוועלף חדשים פון דרייסיג טעג, וועט עס אויסקומען **קרוב מאחד עשר יום.** דאס איז ווייניגער ווי מאחד עשר יום. די שנת החמה האט נישט מיט לבנה. ווי לאנג נעמט פאר די זון צוריקצוקומען צום זעלבן פלאץ אין די מזלות? און ווי לאנג נעמט פאר די לבנה ארומצוגיין די וועלט צוועלף מאל? יא. דאס הייסט, די חילוק וועסטו זען איז אביסל ווייניגער ווי עלף טעג. קרוב צו עלף טעג, יא. יא.

**ופיכך**, זאגט דער רמב"ם, **שיתקבץ מן התוספות הזה כמו שלשים יום**, פון די עלף. אונז טוען מיר נאך גארנישט ווען מ'בלייבט מיט עלף טעג. אבער ווען ס'קומט פון די עלף טעג, ס'קומט דריי מאל עלף טעג, וואס איז ווייטער דריי מאל עלף טעג, כמו שלשים יום, או פחות מעט או יוסף מעט. ס'טייטש דאס געשעט בערך אין איינמאל אין דריי יאר. לאמיר זאגן, בערך, יא. **מוסיפין חודש אחד** לייגט מען צו א חודש, **ועושה אותה שנה שלש עשר חודש.** און יענע יאר מאכט מען אנדערש ווי אלע יארן וואס ס'איז דא צוועלף חדשים, מאכט מען דרייצן חדשים. **והיא נקראת שנה מעוברת.** דאס ווערט אנגערופן שנה מעוברת. אזוי ווי מעוברת איז א פרוי. וואס מען לייגט צו אז זי טראגט נאך אין איר גוף נאך אן עקסטערע גוף. מעברת, יא? צוגעלייגט אן עקסטערע.

## Speaker 2:

איך מיין אז מעוברת איז מער אזוי ווי... פול. א פרוי וואס איז מעבר איז פול.

## Speaker 1:

מעבר איז א לשון פון פול? יא. אהא. איך ווייס נישט וואו ס'שטייט אין לשון עובר, עובר, ער גייט אריבער, ס'גייט ארויס פון איר. ניין, איך מיין נישט אז ס'מיינט אז ער האט געבוירן א בעיבי, ס'איז דא נאך א זאך. ס'איז דאך גארנישט ראנג מיט די יאר. ס'איז דא יארן פון צוועלף, ס'איז דא יארן פון דרייצן. די יארן האט עס מער פעל. ס'איז דאך דא אויך א חודש מעובר. ס'איז נישט געקומען פון ערגעץ נישט.

**דיסקוסיע: פארוואס נישט ליידיגע טעג אנשטאט א גאנצן חודש?**

## Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם, פארוואס טאקע טוט מען אזוי? מ'וואלט דאך געקענט מאכן אז ביי די ענט פון די יאר זאל זיין עלף ליידיגע טעג, וואלט מען דאס אויך געקענט מאכן. נאך אדער ס'זאל זיין טעג וואס האלט נישט קיין חודש. זאגט דער רמב"ם, מ'קען נישט אזוי טון. פארוואס? **שאי אפשר להיות השנה שנים עשר חודש וכך וכך ימים.** ס'קען נישט זיין אז די יאר זאל האבן צוועלף גאנצע חדשים, און נאכדעם זאל בלייבן אפאר ליידיגע, נאקעטע טעג. **שנאמר, "לחדשי השנה".** לערנען זיי ארויס פון דעם אז **חדשים אתם מונים לשנה**, די וועג וויאזוי אונז רעכענען א שנה איז ווען ס'גייט דורך גענוג חדשים, **ואין אתם מונים ימים.** אויב וואלטן אונז געמאכט אז די יאר ווערט ווען ס'ענדיגט זיך צוועלף חדשים פלאס נאך טעג, וואלט עס געווען "חדשי השנה והימים" עפעס, "לחדשי וימי השנה". ס'וואלט געווען אזא זאך ווי "ימי השנה". ס'איז נישטא אזא זאך ווי "ימי השנה". יעדער טאג דארף זיין אין א חודש, און א חודש קען גיין אין א יאר.

**:Speaker 2**

לכאורה, דאס איז אויך אזוי א פראקטישע זאך. מ'וויל אז מ'זאל אלץ האבן חדשים. די רגע וואס דו וועסט טון דאס, וועסטו נישט האבן קיין חדשים. ס'וועט ווערן רואינד די חדשים. אין אנדערע ווערטער, ס'וועט האבן חדשים, נאר ס'וועט זיין א סדר אז יעדע יאר וועט די לבנה נישט פאלגן דיין סדר. דאס איז די פראבלעם, רייט? אה, דו מיינסט אז דו וואלסט אויפגעהערט, ווייל נאכדעם וואלט חודש ניסן נישט געווארן ביי די נייע לבנה.

**:Speaker 1**

אה, דאס איז די ווארט. אבער פארוואס זאגט נישט דער רמב"ם דאס? דער רמב"ם וואלט געקענט זאגן דאס. ס'איז נישט קיין פראבלעם. דאס איז די טעם. דאס איז וואס ער זאגט. חדשים מיינט לבנה, נישט... וואס טייטש חדשים?

**:Speaker 2**

הייסט, מאך עקסטער, און די נעקסטע חודש... ווער האט דיר געהייסן זאגן אז די יאר דארף זיך אנהייבן די זעלבע ראש חודש? ס'קען זיין אז די יאר הייבט זיך אן אינמיטן חודש. זאל אונז נישט געשען. און וואו איז חודש האביב? איך ווייס נישט, די ערשטע ראש חודש פון יענע יאר. וואס קען נישט זיין? ס'וואלט געקענט זיין.

**:Speaker 1**

אבער פון דעם זאגן אונז... איך בין זיכער אז די ריזן איז אמת'דיג וועגן די חשבון וואלט געווען טאקע וועגן דעם, ווייל אונז ווילן אז יעדע יאר...

**:Speaker 2**

אבער פארוואס זאגט דער רמב"ם אז די ריזן איז וועגן "שמור את חדש האביב", אז ניסן זאל אייביג אויסקומען ווען ס'איז דער דין? דאס וואלט דאך אלץ אויסגעקומען. אויב וואלט מען אונז... אה, דו מיינסט אז ס'וואלט אויסגעקומען מיט די עלף טעג? ס'שטייט נישט אין א שמות הלבנה.

**:Speaker 1**

אבער מ'מיינט זאגן, דאס אז מיר זאלן נישט טון אזוי ווי די מוסולמענער, זאלן בכלל נישט רעכענען מיט די שנת החמה, דאס ווייסן אונז פון "שמור את חדש האביב". יא, יא, אוודאי. אבער וויאזוי ווייסט מען אז מ'זאל נישט סתם... ווייל ס'וואלט אויסגעקומען די ריכטיגע צייט. ס'וואלט אויסגעקומען די זעלבע צייט. ס'וואלט געזאגט, די ערשטע ראש חודש... לאמיר זאגן ס'דארף זיין א געוויסע טאג אין די חודש מיט די לבנה. זייער גוט. די ערשטע ראש חודש נאך די נייע יאר, דעמאלטס איז עס ראש השנה, דעמאלטס איז עס... דער חודש ניסן, וואטעווער יו וואנט טו קאל איט. דעמאלטס איז פסח אין די פופצנטע טאג פון יענע חודש. ס'וואלט נישט געווען קיין פראבלעם. די איינציגסטע פראבלעם וואלט געווען אז די אנהייב פון די יאר וואלט נישט געווען אויף די אנהייב פון א חודש. דאס איז נישט קיין טענה, אבער פון דעם זאגט דער פסוק אז א יאר האט חדשים, א יאר האט נישט טעג. ס'מוז זיין אז ס'איז געווען א מצוה, ס'קען נישט זיין אז א יאר זאל גיין דירעקט צו די טאג. אקעי, דאס איז נאך אן הקדמה.

ווייטער, ס'איז דא עשרה, אלפים, עשרות, יעדע זאך האט זיך אזא... די טעג איז אונטערגעווארפן אונטער די וואכן, און וואכן אונטער די לבנה, אונטער די חודש. איך האב נישט געזאגט וואכן אונטער די לבנה, באט וואטעווער, דאס איז די פונעם שמועס.

זאגט דער רמב"ם ווייטער. יעצט פארשטייסטו, בקיצור, די הלכה א' איז מסביר אז ס'איז דא חלוקה פון שנים, און די הלכה ב' איז מסביר אז ס'קומט אויס דא שנת החמה און שנת הלבנה, און ממילא איז דא שנה פשוטה און שנה מעוברת. יעצט קען מען עס מסביר זיין וועגן דעם וואסערע סארט חדשים זענען דא.

**הלכה ג — הסתרת הלבנה און תחילת החודש**

**:Speaker 1**

זאגט דער רמב"ם אזוי: **"הלבנה נסתרת בכל חודש וחודש ואינה נראית"**. די לבנה באהאלט זיך, און ס'ווערט נישט געזען. וויפיל טעג? **"כמו שני ימים או פחות או יותר"**. בערך צוויי טעג איז פון ווען די אלטע קליינע שטיקל פון די לבנה זעט מען שוין נישט, און די נייע קליינע שטיקל פון די לבנה זעט מען נאכנישט. ס'מיינט נישט אמת'דיג אז די לבנה ווערט באדעקט, נאר ס'מיינט אז די זון שיינט נישט אויף די... אונז זעען נישט ווי די זון שיינט אויף די פארט פון די לבנה וואס איז באלאכטן, איז נישט אין אן ענגל אז אונז זאלן מיר דאס קענען זען. יא, דאס איז די טייטש אז די לבנה באהאלט זיך. אלע הסתרות זענען אזוי, ס'איז א פראבלעם פון אונז, נישט פון די לבנה. די לבנה האט אלעמאל א האלב וואס דו זעסט די זון, און א האלב וואס דו זעסט נישט די זון. אבער אונז זעען נישט אלעמאל א האלב וואס זעט אויך די זון. יעדע הסתר, הסתר פנים איז אויך אזוי, אונז זעען נישט.

**"כמו יום אחד"**, דאס העלפט עס, ווייל אונז זעען אז למעשה איז נאך אלץ די ענגלערע זאך. סאו דאס איז טייטש הסתרה. יא, די צוויי פחות או יותר איז ווייל ס'וועגדט זיך אויף פארשידענע זאכן, מ'וועט זען אפשר שפעטער וועט אנקומען צו די חשבון פונקטליך. ס'איז בערך די צוויי טעג, **"כמו יום אחד קודם שתדבק בשמש בסוף החודש"**. פאר די לבנה ווערט דבוק. דאס איז א טעכניש, לאמיר... ס'איז נישט גוט עס איבערצוטייטשן, ווייל דאס איז עקזעקטלי די טערם וואס מ'האט גענוצט א זאך שפעטער. דבוק איז טייטש ווען די לבנה איז פונקט קעגן איבער די זון, פונקט צוזאמען מיט די זון, דאס הייסט פון די פערספעקטיוו פון די וועלט. די לבנה איז גלייך... מ'קען נישט זען די לבנה ווייל ס'איז אין פראנט פון די זון, ממילא איז עס נישט ליכטיג. מ'קען עס נישט זען אויב ס'איז נישט... אויב ס'איז טונקל. וואטעווער, מ'קען עס זאגן, יא, ביי אונז איז עס שווער צו זען. אין פלעצער וואו ס'איז מער טונקל קען מען עס מסתמא זען.

**:Speaker 2**

ניין, מ'קען עס ניטאמאל נישט זען. כמעט... ניין, איך מיין אז מ'קען עס קיינמאל נישט זען.

**:Speaker 1**

אבער די פוינט איז, איך מיין אז מ'קען עס קיינמאל נישט זאגן. ס'איז נישט אז ס'שטייט... די פראבלעם איז, בקיצור, די טונקעלע זייט פון די לבנה איז אינגאנצן עקזעקטלי קעגן אונז. אין אנדערע ווערטער, די לבנה איז די נענסטע צו די זון. די נענסטע איז אביסל... יא, קענסטו זאגן די נענסטע. ס'איז עקזעקטלי צווישן אונז און די זון, אבער די נענסטע צו די זון. דאס הייסט דיבוק. מ'וועט זען שפעטער אז ס'איז דא אסאך סארט דיבוקים. דיבוקים מיינט עקזעקטלי ווען די לבנה און די זון זענען איינס קעגן די צווייטע, און דעמאלטס קען מען עס אינגאנצן נישט זען. און אויך אביסל א טאג פארדעם, און א טאג נאך דעם, איין טאג. **"תדבק בשמש ותראה במערב בערב"**. דער ערשטער טאג פון חידוש הלבנה, ווען מיר זעען עס נאך נישט. אביסל פאר דעם טאג וואס מ'גייט עס קענען זען במערב. מ'גייט עס יא זען אין די צד מערב. עקזעקטלי. דער רמב"ם זאגט, דאס וואס מ'זעט שפעטער. פארוואס פונקט אין די ערשטע טאג זעט מען עס אלעמאל במערב, און פארוואס פונקט בערב? דאס אלע זאכן... מ'זעט שפעטער די תהליך וויאזוי ס'גייט. **"בליל שתראה בערב אחר שנסתרה"**, די נאכט ווען מ'גייט עס אנהייבן זען נאכדעם וואס ס'האט זיך באהאלטן, וועט עס נאכאמאל אנזען, **"היא תחלת החודש"**, דאס איז די חידוש החודש, דאס איז די נייע חודש.

**דיסקוסיע: מולד איז נישט ראש חודש**

**:Speaker 2**

מ'דארף מדגיש זיין דא, וואס מ'רופט די מולד, וואס איז די זעלבע זאך פון די דיבוק, ס'איז דא פארשידענע סארט מולדות, מ'וועט עס זען, אבער די אידיע איז די זעלבע אידיע. דאס איז נישט ראש חודש, right? די מולד איז אלעמאל בערך א טאג פאר ראש חודש. ס'קומט נישט אויס בערך...

**קידוש החודש — קביעת ראש חודש על פי ראיה ומעמד בית דין**

**הלכה ב' (המשך) — ציילן 29 טעג און קביעת ראש חודש**

## Speaker 1:

ס'איז נישט מבשר. ס'איז צוויי אנדערע זאכן. ראש חודש ווערט ווען אונז קענען עס אנהייבן צוריק זען. אבער כאילו, ס'איז אלעס נאר א שאלה. די לבנה האט דאך א סייקל, דאס קענסטו אנהייבן צו רעכענען פון וואו דו ווילסט. אויב מ'וואלט געמאכט ראש חודש פון ט"ו צו ט"ו וואלט אויך געווען גוט.

סאו דאס וואס אונז האבן מיר אויסגערעכנט, אז דעמאלטס דארף עס אנהייבן ארויסקומען פון די שאטן...

## Speaker 2:

ניין. די מולד איז ווען מ'קען עס זיכער נישט זען. בשעת די מולד קען מען נישט זען די לבנה. אבער בשעת די דבוק...

## Speaker 1:

ביי אונז די מולד איז אביסל פאר ראש חודש, ווען מ'זעט שוין יא.

## Speaker 2:

ניין, מ'זעט עס נישט. מולד איז... נאך נאר א גאנצן טאג ביז מ'גייט עס קענען זען, פון די מולד. עקזעקטלי, געווענליך. א מולד איז... עקזעקטלי, מ'גייט זען פונקטליך וויפיל. אבער א דבוק, לאמיר זאגן די ווארט דבוק. וואס אונז רופן מולד איז אביסל מער קאמפליצירט וועגן דעם, פון פארשידענע ריזענס. אבער די דבוק איז עקזעקטלי ווען מ'קען נישט זען די לבנה. שטימט? ווען מ'קען'ס... אבער ראש חודש איז ווען מ'קען עס שוין יא זען. ס'איז בערך א טאג שפעטער.

## Speaker 1:

און וואס טוט מען? זאגט דער רמב"ם, **"ומונין מאותו היום"**, פון דעם טאג, פון דעם תחלת החודש, ציילט מען **"תשעה ועשרים יום"**, ציילט מען ניין און צוואנציג טעג. און דעמאלטס איז אזוי, **"ואם יראה הירח ליל שלשים"**, אויב די איין טאג, די דרייסיגסטע טאג זעט מען די ירח, די לבנה, **"יהיה יום שלשים ראש חדש"**, וועט די נעקסטע צופרי זיין ראש חודש. ס'איז שוין יענע נאכט, יא, ס'איז יעצט ראש חודש.

איך מיין, פארדעם איז דא ביי ראש חודש חילוקים, געדענקסט? אז מ'זאגט יא לבנה ביינאכט, ווייל מ'ווייסט נישט. באט עווער, באט מ'איז יא מקדש, באט מ'ווייסט נישט. ווייל מ'זעט דאך דעמאלטס. דארפסטו ווארטן צו איינער זאל קומען זאגן אז ער האט געזען... אז ס'איז דא וואס ער קומט אן וכדומה. מ'קען זיין אז מ'איז מקדש ביינאכט, באלד וועט מען זען, אבער איך זאג סתם, ווייל ס'איז אן אנדערע זאך. ס'נעמט צייט. און אויך, איך מיין אז ס'איז נישט קיין נפקא מינה, די עיקר איז די קבלה וואס מ'מאכט אינדערפרי.

על כל פנים, אויב מ'זעט יענע נאכט די לבנה, איז דעמאלטס ראש חודש. טאמער נישט, **"אם לא יראה"**, מ'זעט עס נישט, אבער אונז וויסן אז ראש חודש גייט געשען, מ'געבט עס נאר אן עקסטערע טאג. **"יהיה ראש החודש יום אחד ושלשים, ויהיה יום שלשים בחודש העבר"**.

וואס טייטש **"ויהיה יום שלשים בחודש העבר"**? קומט אויס אז די דרייסיגסטע טאג באלאנגט פאר די פריערדיגע חודש. ס'איז געווען תשרי, ל' תשרי. טייטש אז די חילוק צו ראש חודש ווערט די דרייסיגסטע טאג אדער די איינס און דרייסיגסטע טאג איז צו מ'האט עס געזען צו מ'האט עס נישט געזען. אויב מ'האט עס געזען און מ'איז שוין קובע די חודש, מאכט מען ראש חודש פון ווען אונז וויסן אז ס'איז שוין דא א נייע לבנה אן זען די חשבון.

זאגט דער רמב"ם, **"ואין נזקקין לירח בליל אחד ושלשים, בין שנראה בין שלא נראה"**. די איינס און דרייסיגסטע טאג טשעקט מען נישט, מ'איז נישט נזקקין. אונז דארפן נישט האבן די לבנה אונז צו זאגן אז ס'איז דא א נייע לבנה, אונז וויסן שוין פון ידיעה. פארוואס? **"שאין לך חודש לבנה יתר על שלשים יום"**, ווייל ס'קען נישט זיין אז א חודש פון די לבנה זאל דויערן מער ווי דרייסיג טעג. סאו איינמאל ס'איז שוין דורכגעגאנגען דרייסיג טעג, איז שוין די איינס און דרייסיגסטע טאג זיכער א פארט די ערשטע טאג פון די נייע חודש.

**הלכה ג' — חודש חסר, חודש מלא/מעובר**

## Speaker 1:

מ'קען לערנען סתם נעמען פאר די אלע זאכן. **"חודש שהיה"**, וואס דער פריערדיגער חודש איז נאר געווען **"תשעה ועשרים"**, און דער טאג נאכדעם איז שוין דער נייער, **"ונראה הירח בליל שלשים"**, די דרייסיגסטע טאג זעט מען שוין די נייע חודש, **"נקרא"** ווערט דער פאריגער חודש, דער חודש וואס איז יעצט דורכגעגאנגען ווערט גערופן **"חודש חסר"**. ס'האט נאר ניין און צוואנציג טעג, וועגן דעם איז עס חסר, ס'איז אביסל א קלענערע חודש ווי אנדערע חדשים.

ס'איז אינטערעסאנט, ס'איז טייטש אז ווען מ'האט מקדש געווען בר"י האט מען נאר געוואוסט די טאג נאכדעם צו דער חודש איז געווען א חודש חסר אדער א חודש מלא.

**"ואם לא יראה הירח, ויהי החודש שעבר שלשים יום, נקרא חודש מעובר"**, ער איז א חודש וואס איז אנגעפילט, **"ונקרא חודש מלא"**. דו זעסט אז מעוברת און מלאה איז די זעלבע זאך. דו האסט דאך אפילו א לשון "כצירים בבטן המלאה". א מעוברת און א מלאה איז די זעלבע זאך. ס'איז פול. ער זאגט אז די פרוי איז פול מיט גארנישט, מיט זיך אליין. די פרוי איז פול מיט א בעיבי. אפשר די לשון מעוברת מיינט אפילו פול, סאמהאו, איי דאונט נאו.

**"וירח שיראה בליל שלשים הוא הנקרא ירח שנראה בזמנו"**. ווען ס'ווערט געזען בליל שלשים, איז דאס א ירח שנראה בזמנו, דאס הייסט אז שלשים ווערט שוין די נייע חודש. **"אם לא נראה בליל שלשים אלא בליל אחד ושלשים, הוא הנקרא ירח שנראה בליל עיבורו"**. אין די נאכט ווען ס'איז שוין איבער, ווען די פאריגע חודש האט שוין איינס און דרייסיג טעג.

**הלכה ד' — ראיית הירח מסורה לבית דין, נישט כשבת בראשית**

## Speaker 1:

איז עד כאן איז דאס אזוויי כללים פון... יא? פון וואס זענען די אלע זאכן? ביז הלכה ד' איז געווען נאר וואס איז דאס א יאר, וואס איז דאס א חודש, וואס איז דאס א לבנה, וואס איז דאס א זון, וואס איז דאס א חודש מלא, א חודש חסר, א שנה מעוברת, א שנה נישט מעוברת, פשוטה, האוועווער ווי וואנט טו קאל איט, יא? דברים פשוטים.

יעצט גייט דער רמב"ם זאגן די הלכה. דאס הייסט, ביז יעצט האט מען נאכנישט געלערנט די מצוה, מען האט נאר געזאגט פאקטן. יעצט גייט ער זאגן די מצוה וואס ער האט אויסגערופן אין זיין הדר מצות קידוש החודש, אדער יא? אזא אינטערעסאנטע זאך.

**"וראיית הירח מסורה לכל אדם כשבת בראשית"**. די זאך צו קוקן אויף די לבנה און מחליט זיין צו ס'איז א חודש מלא, צו ס'איז א חודש חסר וכדומה, איז נישט איבערגעגעבן לכל אדם כמו שבת בראשית. דאס וויסן ווען איז דער זיבעטער טאג, ווען איז שבת, איז נישט עפעס א זאך וואס בית דין דארף קובע זיין, נאר עפעס וואס אלע אידן האלטן מיט, **"כל אחד מונה ששה ושובת בשביעי"**. קיינער דארף נישט טשעקן צו די בית דין האט שוין דערקלערט, צו די רבנים האבן שוין דערקלערט אז די וואך איז שבת, מ'טשעקט עס נישט.

**"אלא לבית דין הדבר מסור"**. דאס איז נישט שבת בראשית. אלע אידן וויסן ווען. ס'איז דא וואס וועלן דא צושטעלן די רמב"ם אז אויב איינער ווייסט נישט ווען ס'איז שבת ציילט ער אליין. איך ווייס נישט אויב דאס איז די פשט. די פשט איז אז ס'דארף נישט קיין קביעות. דאס איז די ווארט. אלע אידן ווייסן ווען ס'איז שבת, ס'האט נישט צו טון מיט קיינעם וואס קובע זיין.

ס'איז פאני, מיילא ער איז נישט דא קיין מצוה פון מאכן זיין טעג. אבער איך זאג אז די לשון מסורה לכל אדם איז אביסל פאני. פארדעם זאגן זיי דאס, ווייל ס'איז בעצם די אפעזיט. ס'איז די וויייגסטע משל לכל אדם. דער חודש

קען די בית דין, מוז די בית דין. די שבת בריית השם האט דער אייבערשטער קובע געווען ביי... לשום אדם, אזוי ווי. לשום אדם, ווייל יעדער איינער איז דער זעלבער מחותה פון דעם. יעדער איינער קען ער נישט.

### Speaker 2:

עקזעקטלי. האסט געפרעגט פריער, וואס איז אויב איינער וועט קומען און זאגן אז ער האט א טעות? ס'איז נישטא אזא זאך. ס'איז דא שבת. שבת איז דאך יא בטל ובקרבן.

### Speaker 1:

כל אדם מיינט ער זאגן אלע אידן, נישט אייער איד.

### Speaker 2:

אקעי. די אידן. איינער ווייסט נישט, ער האט זיך אויפגעוועקט, ער ווייסט נישט וועלכע טאג היינט איז. דאס וואס אלע אידן טוען, דער טאג איז היינט.

### Speaker 1:

אקעי, אבער דער עיקר איז נישט דאס. אבער וואס איז אנדערש ראש חודש? **"אלא לבית דין הדבר מסור"**, די זאך פון וועלכע טאג איז לגבי די חודש איז איבערגעגעבן געווארן צו בית דין. **"עד שיקדשו בית דין ויקבעו את היום ראש חודש, הוא שיהיה ראש חודש"**. און דאס איז די בית דין, איז מקדש, און זיי זענען קובע אז ס'איז ראש חודש, דעמאלטס ווערט עס ראש חודש.

**"שנאמר החודש הזה לכם"**, דארטן ווי דער אייבערשטער זאגט פאר משה ואהרן **"החודש הזה לכם"**, לערנען אונז, טרש'ענען אונז דיווארט **"לכם"**, **"עדות זו תהיה מסורה לכם"**, ס'זאל זיין איבערגעגעבן צו ענק.

רבי יצחק האט פריער געפרעגט א קשיא, פארוואס זאגן אונז דא א לכם מיינט דוקא פאר בית דין? למשל, אונז האבן געלערנט אז לכך תם לכם מיינט דוקא פאר יעדן איינעם, תהיו לקיחו לכל אחד. אבער מיט דעם חומש איז עס פארענטפערט געווארן. שטייט אין חומש אזוי: **"ודבר ה' אל משה לאמר, החדש הזה לכם ראש חדשים"**. נאכדעם שטייט, **"דברו אל כל עדת ישראל ויאמרו"**. זעען מיר אין די המשך הפסוק אז ביז דא האט ער גערעדט צו משה ואהרן אלס די בית דין, און פון דא און ווייטער גייט מען רעדן צו כלל ישראל. סאו די ערשטע חלק איז נוגע פאר בית דין.

סאו דאס איז א שטיקל דרשה, אבער **"החדש הזה לכם"**, פאר די... דאס הייסט, "לכם" מיינט, איך ווייס נישט, קען מען טייטשן סתם פאר אייך, איך ווייס נישט, פאר ענק. אבער דער אריז"ל טייטשט אז ענק זענען זיך רואיג דערויף, ענק, משה און אהרן, וואס ענק זענען יעצט די בית דין.

**דיסקוסיע: וואס אויב ס'איז נישטא קיין בית דין?**

### Speaker 2:

יא, אבער וואס איז טאקע באמת פשט אז ער האט דזשאסט געזאגט אז א חודש קען נישט זיין מער ווי דרייסיג טעג? אויב מ'האט עס נאכנישט געזען, ווערט דער נעקסטער טאג ראש חודש. און אין א פאל ווען ס'איז נישט דא קיין בית דין, וואס וועט געשען? וואס, ס'וועט בלייבן דער זעלבער חודש? ס'גייט זיך נישט רוקן? ס'גייט נישט ווערן קיין נייע ימים טובים?

### Speaker 1:

אפשר ימים טובים וועט טאקע נישט ווערן. ס'איז זייער אינטערעסאנט, איך בין מסכים. ס'איז דא א קשיא.

לאמיר פארשטיין וואס איז אמת'דיג די חילוק פון שבת בראשית מיט קידוש החודש. לאמיר זאגן, שבת בראשית איז א פאקט.

### Speaker 2:

איי, מ'קען עס נישט זען?

### Speaker 1:

אין א געוויסע זין דארף מען זאגן דאס. ס'איז אינטערעסאנט, שבת בראשית אין א געוויסע זין איז נאך מער אזוויי אמונה ווי ראש חודש. ווייל שבת בראשית, קיינער געדענקט נישט ווען ס'האט זיך אנגעהויבן די וועלט, פון בריאת העולם.

איך האב געהערט, מיין פריינד ר' נריה קליין האט גע'טענה'ט אז ס'איז א טעות צו זאגן אז מ'האט אנגעהויבן צו רעכענען שבת פון חידוש העולם, ווייל אברהם אבינו האט דאך משמעות געהיטן שבת. ס'שטייט נישט אז ער האט געהאט א מצוה פון שבת. ס'שטייט "מצוה שילאה על השבת".

### Speaker 2:

אקעי, די ערשטע וואך האט ער דאך נישט געהיטן שבת. ס'שטייט בפירוש אז שבת איז נתחדש געווארן במרה.

### Speaker 1:

זאגט ער אז פון דעמאלטס האט זיך אנגעהויבן, פון די ערשטע שבת אין מרה, דעמאלטס רעכנט מען פון... אקעי, יעצט קען מען יעצט בעקטרעקן אז ווען דער אייבערשטער האט מצווה געווען אז היינט ווערט שבת אין מרה, איז מסתמא דער אייבערשטער גייט האלטן קאפ. דער אייבערשטער, ס'שטייט אז דער אייבערשטער היט שבת.

אקעי, איך זאג, אקעי, ס'איז נישט נוגע. איך מיין נאר צו זאגן אז ס'איז נישט קיין פאקט, אבער ס'איז א מסורה, ס'גייט... מ'רעכנט שוין זיבן טעג זייט די צייטן פון, עט ליעסט פון די צייטן פון משה רבינו. איך גלייב נישט אז ס'איז דא אפילו עפעס א פאני חוקר כרצדוקי וואס טענה'ט אז מ'האט אמאל זיך צעמישט, און אמת'דיג שבת איז זונטאג. חוץ פון די דעיטליין שאלה, ווייס איך נישט פון אזא זאך.

נאר אויב איינער וועט זאגן אז ס'איז אמאל געווען א זאך וואס איז נישט געווען קיין כלל ישראל, אלע אידן זענען געשטארבן, אבער ס'איז נישט דא קיינער וואס זאגט אזוי. ס'איז דא וואס טענה'ן אז ס'איז געקומען גרים, איך ווייס נישט, ס'איז דא אלע מיני טעאריעס, באט קיינער זאגט נישט אז ס'איז געווען א צייט אין כלל ישראל זייט די... זייט די... זייט די...

**קידוש החודש — תפקיד בית דין, חילוק בין שבת ליום טוב, וחיוב חשבונות**

**הלכה ד' (המשך) — דער רמב"ם'ס שיטה: בית דין איז מעכב די חלות פון ראש חודש**

### Speaker 1:

נישט נאר די אידן, די שכנים אונזער האבן זיך אויך אזוי גערעכנט. סאו אויך אנדערע קאלטשעס, טייטש די איסטעקס אדער די... איך ווייס נישט וויאזוי די איסטעקס?

### Speaker 2:

ניין, אבער לאמיר זינגען די... איך ווייס נישט ווער... אין אונזער חלק פון די וועלט. די נארמאלע גוים. היינט אין טשיינע רעכענט מען שוין יא, אבער קען זיין אמאל נישט.

### Speaker 1:

וואס איך וויל זאגן איז, אבער מה שאין כן די לבנה קען מען דאך זען. סאו לכאורה, אויב די לבנה איז כבוד החודש, איז עס יא מסור לכל, נאר נישט יעדער איינער פארשטייט. ס'איז דא די צוויי טעג וואס איז נישט נישט. ס'קען מאכן א חילוק פון איין טאג און צוויי טעג, דאס איז די גאנצע זאך.

אבער ס'זעט אויס, און דער רמב"ם זאגט בפירוש אבער, סאו מ'קען טאקע לערנען, ס'איז זיכער דא א מקום צו לערנען אז די תפקיד, ס'איז טאקע דא אוודאי יעדער איינער איז מודה אז ס'איז דא א דין פון די בית דין צו מקדש זיין אויף געוויסע אופנים, אבער מ'קען לערנען אז די תפקיד, די בית דין איז לאנד אין מומחה, איז אים זייער פארטערט. דערציילן פאר יעדער איינער ווען מ'האט געזען דעם חודש, אלע אידן זאלן קענען קומען צום בית המקדש לרגלים די זעלבע צייט, ס'מאכט אסאך סענס.

אבער בעצם, זייער תפקיד איז נאר בתור מומחה, און וואס ווייסן? אויב ליצור, אונז האבן היינט למשל א חשבון, אונז גייען בכלל נישט מיט די

ראיה, אדער ליצור, אז איינער, ס'איז דא אזא חשבון, קען מען רעכענען פונקטליך ווען די ראיה גייט זיין, דער רמב"ם גייט רעדן וועגן דעם, דארף ער נישט קיין קביעי, קיין קידוש החודש, ס'פעלט נישט אויס דער בית דין.

דער רמב"ם זאגט נישט אזוי, אפילו ווען ס'איז נישט דא א לוח איז עס אלעס על דעת פון די לעצטע חכמים. דער רמב"ם איז באיזה שהוא סיבה, אפשר אזוי געלערנט די גמרות, האט פארשטאנען אז ס'איז נישט ריכטיג. נאר בית דין מאכט אזוי ווי די חלות ראש חודש, אן קיין בית דין איז נישט דא.

דער רמב"ם זאגט קלאר אין פירוש המשנה אין ראש השנה אז ליציאת וואלט נישט געווען קיין איין איד.

## Speaker 2:

דאס וואס דו זאגסט?

## Speaker 1:

דער רמב"ם זאגט אז ס'קען נישט זיין, דער אייבערשטער האט שוין נישט געזאגט, אבער ליציאת איז נישט דא קיין איין איד אין ארץ ישראל אפילו, אדער נישט קיין צען איד, איך ווייס נישט קיין איין איד. בטל געווארן די מועדים, וואלט נישט געווען קיין ראש חודש, ווייל מ'דארף אז די בית דין זאל שטיין און מאכן ראש חודש.

פארוואס דארף דאס דער רמב"ם? אלץ וועגן די איין חילוק פון איין טאג וואס ס'קען זיך מאכן? ס'איז מיר שווער אביסל צו פארשטיין.

ס'שטימט יא, אבער דאס וואס דער רמב"ם איז אלעמאל מדגיש די נושא אז עיקר תורה שבעל פה איז די בית דין הגדול, די גאנצע זאך, יא? ס'שטימט מיט דער רמב"ם'ס גרויסע דגוש אז די תורה ליגט אויף די בית דין.

אבער עם כל זה, אונז האבן דאך אן עצה געגעבן מיט דעם, רייט? אונז מאכן ספיקא דיומא. און די ראש חודש מאכן אונז איינס, אונז האבן א חשבון.

## Speaker 2:

יא, אבער ווען אונז טוען מיט דעם חשבון, טוען מיר אונז עפעס במקום די בית דין כאילו, בשליחות די בית דין, אונז זענען ממשיך א מסורה פון די בית דין. ס'איז נישט א רענדאם, ס'געשעט נישט פון זיך אליין.

## Speaker 1:

דער רמב"ם זאגט אזוי, דער רמב"ם זאגט, צו די אנדערע ראשונים האבן געזאגט אז ס'איז דא א שליחות פון די קדמונים, וואטעווער ס'איז.

איך וויל נאר אבער ארויסברענגען, מ'דארף אפילו נישט דאס. פארוואס זאל קענען נישט זאגן? די ריזען פארוואס מ'דארף וויסן ווען די לבנה מאכט ראש חודש, ס'איז שווער אמאל צו וויסן. אקעי, העכסטנס איז דא א ספק פון צוויי טעג. אויב מ'האט נישט קיין בית דין, זאל מען מאכן צוויי טעג, צוויי קדמונים, אויב מ'איז געגאנגען ווייטער.

## Speaker 2:

ניין, דעמאלטס וואלט מען בכלל נישט געדארפט מאכן יום טוב.

## Speaker 1:

ניין, צוויי קדמונים איז ווען ס'איז דא א בית דין איז עס נאר א קליינע...

## Speaker 2:

דער רבי, מ'האט עפעס אן איידיע, אזוי ווי אפשר די קבלה, אפשר וויל ער קענען די קרעים, דער רבי האט עפעס זייער שטארק אז די סנהדרין אן זייער...

#### חילוק בין שבת בראשית און ראש חודש

## Speaker 1:

דא איז די חילוק פון שבת בראשית, דאס מיינט איך צו זאגן. שבת בראשית, ליצור אז ס'ווערט א ספק. לאמיר זאגן ס'איז יא דא אפשר א טראגעדיע, די גאנצע וועלט האט זיך צעמישט, היינט קען עס זיין ווייל אלעס איז די קאמפיוטערס, דו דארפסט איינבאגן אין די קאמפיוטער, מ'וועט נישט וויסן וועלכע טאג ס'איז. די עי-איי וועט פארדרייען די קאפ, און מ'וועט מיינען אז ס'איז זונטאג, וועט זיך שטעלן א בית דין, מ'וועט מחליט זיין ווען ס'איז שבת, מ'וועט זיך עצה געבן. אבער נישט די בעסענער איז קובע. אזוי ווי איינער איז אין א מדבר איז ער קובע, ליגט אויך אין דעם, איז דאך אויך אין די הלכה אז ס'איז מסור אין דיין ענד, די מערסטע סענס אז ווען ס'זאל זיין שבת זאל זיין שבת.

יום טוב וועט טאקע נישט זיין. סאו איך האב געזען, איך ווייס, ס'איז דא עפעס א רעפארמער וואס מאכט א יום טוב מנין, אן אנטי-אנטי-ישראל, אנטי-זייענערס. די אנטי-זייענערס איז דאך נישט א סאטמארער אנטי-זייענערס, ער גלייבט נישט אין ארץ ישראל. אבער אז ער מאכט יום טוב, איז ער מעיד אז אידן האבן א קשר מיט ארץ ישראל פון אלע יארן. דער רמב"ם, ער וויל דאך נישט פאלגן דעם רמב"ם.

איך מיין צו זאגן א פשוט'ע זאך, יא? אויב ס'איז דא א שאלה אין שבת בראשית, איז עס א חקירה אין די מציאות. אקעי, דער בית דין, whoever ער וועט מכריע זיין, אזוי ווי דו זאגסט, איינער איז אין מדבר, האט ער א הכרעה פון די הלכה וואס צו טון, און ער קען טאקע טון ספק, no problem.

אבער דאס איז אנדערש פון ראש חודש, ווייל ראש חודש אויב ס'איז נישט דא קיין בית דין, איז נישט דא. אויב מי שנמצא במדבר ולא ידע אימתי ראש חודש, אין לו ראש חודש. אקעי, ווען ס'איז דא א בית דין ווייסט ער, אבער אויב ס'איז נישט דא קיין בית דין, איז נישט דא.

## Speaker 2:

און אין לאנדאן האט מען אויך געדארפט טראכטן אז שבת וועט זיין אנדערש ווי יום טוב.

## Speaker 1:

שבת איז איין טאג וואס יענער טאג איז מעיד אויף דעם אייבערשטן. יום טוב קענסטו נישט זאגן איין טאג וואס יענער טאג וועט מעיד זיין אויף פסח. ס'דארף זיין אין דעם ספעציפישן טאג.

## Speaker 2:

אקעי, דאס זאגסטו אנדערש. איך ווייס נישט פארוואס דארף עס זיין.

## Speaker 1:

ניין, וואס איך מיין צו זאגן איז, דאס האט דיר געפרעגט וועגן מרא. ס'מוז נישט זאגן אז די זעלבע טאג וואס אלע וואכן וועלן שטימען ביז בריאת העולם. די עיקר זאך איז אז אונז זאלן מיר מאכן די פעולה, דמיונות, אז אזוי ווי דער אייבערשטער האט געארבעט זיבן טעג כביכול און גערוט שבת, טוען מיר אונז די זעלבע.

מה שאין כן יום טוב, קען מען אונז נישט זאגן מ'גייט נעמען א טאג און דאס זאל מרמז זיין אויף די טאג פון יציאת מצרים. ס'דארף זיין די זעלבע טאג, לויט די חשבון.

## Speaker 2:

פארוואס טאקע?

## Speaker 1:

הא גופא. אקעי, ווייל ס'האט צו טון מיט דעם וואס ס'שטייט אז דער אייבערשטער איז מקדש את השבת, מה שאין כן דער בית דין איז מקדש די חודש. וואס איז די זאך? כאילו דער אייבערשטער האט געגעבן אז אונז זענען מיר שותפים כביכול אין די תורה. די האלב תורה איז פון דער אייבערשטער אליין, א האלב תורה האט צו טון מיט די מענטשן, מיט די בית דין.

## Speaker 2:

יא, איך זאג, דאס איז אליינס עפעס א דבר פלא. ס'איז א חידוש. פארוואס זאל מען דארפן די בית דין פאר די לבנה?

#### פארוואס דארף מען בית דין פאר די לבנה?

## Speaker 1:

מ'וואלט געקענט זאגן איינער, אמאל מענטשן האבן נישט געקענט גוטע חשבונות. דער רמב"ם האט דאך געוואוסט זייער גוטע חשבונות, אבער אין די גמרא איז אסאך שוואכער נישט קלארער די חשבונות. מ'ווייסט נישט, מ'קען נישט טרעפן פון די גמרא די חשבונות. אפשר וועגן דעם האבן זיי געדארפט א בית דין, און היינט וואס ס'איז דא גוטע חשבונות דארף מען נישט. דער רמב"ם איז אבער זייער שטארק אנטי די מחשבה.

קענסט אבער אויך טראכטן אפשר אז די זון גייט אונטער באמת, ס'ווערט טונקל. לגבי די לבנה, די איינציגסטע חילוק איז נאר צו אונז קענען עס זען. אונז ווייסן אז די לבנה איז דארט.

### Speaker 2:

איך זאג דאך, די גאנצע חידוש הלבנה איז לראית הנשים. איז אין די מענטשן זען.

### Speaker 1:

אבער ס'איז דאך, מיר זעען דאך אויך א שטיקל.

### Speaker 2:

איך זאג, אונז זעען א ריזיגע חילוק. ס'ווערט קאלט, ס'ווערט הייס, ס'ווערט טונקל, ס'ווערט לעכטיג. די לבנה איז דאך בסך הכל, אונזער אויג זעט עס, אונזער אויג זעט עס נישט. ס'איז דאך תלוי אין די מענטשן.

### Speaker 1:

יא, יא. די וועג וואס מ'דארף דאס זאגן איז, די לבנה זעט צו אונז אויס גרעסער און קלענער. די זון זעט אלעמאל אויס די זעלבע סייז. ביינאכט זעט מען עס נישט, אבער...

### Speaker 2:

אקעי.

### Speaker 1:

מ'זעט עס יא ביינאכט, דורך די לבנה.

### Speaker 2:

אה. די לבנה זאגט עדות אז ס'איז דא דארטן א זון.

### Speaker 1:

אקעי, שוין. עד כאן הלכה ד'.

**הלכה ה' — בית דין מחשבין בחשבונות**

### Speaker 1:

יעצט, ווייטער, דער רמב"ם זאגט, וואס האט א בית דין צו טון מיט די חשבונות? וואס טוען בית דין? וויאזוי מאכן זיי די חשבונות?

זאגט דער רמב"ם אז זיי טוען עס נישט. דאס הייסט, דער בית דין איז נישט נאר סומך על הראיה, דער בית דין דארף אויך מאכן א חשבון. ער זאגט אז דאס וואס ס'איז געשטאנען "לחשוב ולידע", ער מיינט אז דער בית דין דארף מאכן די חשבון.

איז ער דא מסביר: **"בית דין מחשבין בחשבונות כדרך שמחשבין האצטגנינים"**, אזוי ווי די אנדערע חכמי התכונה, די אסטראנאמערס, רעכענען אויס זאכן, **"שיודעים מקומות הכוכבים ומהלכם"**, דאס גייט אויף די אצטגנינים, וואס זיי ווייסן מקומות הכוכבים ומהלכם, **"וחוקרין ומדקדקין עד שידעו"**, אה, "וחוקרין ומדקדקין" גייט שוין צוריק צו בית דין. דער בית דין איז חוקר ומדקדק עד שידעו, זיי זאלן וויסן, **"אם אפשר שיראה הירח בזמנו שהיא ליל השלשים או אין אפשר"**, לויט זייערע חשבונות זאלן זיי וויסן.

שפעטער גייט ער אונז זאגן וויאזוי די חשבונות ארבעטן, יא? רייט, אבער ער זאגט אז דער בית דין איז מחויב צו רעכענען די זעלבע חשבון וואס דער אסטראנאמער רעכנט, וואס דאס הייסט אצטגנינים, יא?

**וואס מיינט "אצטגנינים"?**

און אונז געוועונליך זאגן, משל פון אברהם אבינו, "צא מאצטגנינותך", טייטשט מען אסטראלאגיע, שטערן-זעערס. אבער דעמאלטס איז דאך אין די אלטע צייטן נישט געווען קיין חילוק פון שטערן-זעערס און אסטראנאמערס. דער רמב"ם האט שוין געמאכט א חילוק, הימל-זעערס, הוברי שמים.

אמאל, אין די צייט פון די פסוק אט ליעסט, די זעלבע מענטשן וואס האבן געמאכט די חשבון האבן אויך געזאגט אז ממילא דאס זאגט אז ס'איז זיין מזל. ווייל ס'איז געווען א ערבוב ברע, ס'איז געווען וואס זיי האבן עכט געזען, און ס'איז געווען וואס זיי האבן צוגעלייגט זייערע תורה'לעך.

אבער איך זאג אז ווען דער רמב"ם זאגט אצטגנינים מיינט ער די חלק אסטראנאמיע, נישט אסטראלאגיע, די חשבון.

**נפקא מינה למעשה פון די חשבונות**

און דער בית דין דארף וויסן צו ס'קען זיין אז ס'זאל קומען היינט עדים. און וואס איז נוגע די וויסן? זאגט ער, ס'איז נוגע למעשה.

**"אם ידעו שאפשר שיהא נראה"**, דארפן זיי זיין גרייט אויף דעם. **"יושבים"**, זיי דארפן בלייבן אין בית דין, זיי גייען נישט אוועק פון בית דין. **"מצפים על העדים כל היום כולו עד שיהא יום שלשים"**, זיי דארפן בלייבן ביז ווען די עדים קענען נאך אנקומען.

און וואס געשעט דעמאלטס? **"אם באו עדים"**, איז טוען זיי דאס וואס בית דין טוט, זיי דארפן מאכן דרישות וחקירות. אין הלכות סנהדרין שטייט פונקטליך וויאזוי דרישות וחקירות ארבעטן. **"ונאמנו דבריהם"**.

### Speaker 2:

יא, דא זאגט ער וואס, חקירות איז דאס?

### Speaker 1:

יא, יא, ווייל ס'איז דא געוויסע דרישות וחקירות פאר די קידוש החודש. נישט סתם, ס'איז אפשר קאנעקטעד, אבער יא.

**"ונאמנו דבריהם איז מקדשין אותו"**. ס'איז אינטערעסאנט, ווייל אפילו נאכדעם וואס זיי ווייסן אז ס'דארף קומען, דארף מען נאך חוקר ודורש זיין די עדים. זיי ווייסן נישט אז ס'דארף קומען, לאמיר פארשטיין, זיי ווייסן אז ס'קען קומען. ווייל פאקטיש צו זען איז תלוי, איך ווייס נישט פארוואס, אלע מיני זאכן. זיי דארפן וויסן אז דער חשבון זאגט אונז אז ס'קען היינט קומען עדים.

**"ואם לא נראה"**, אויב ס'איז נישט געווארן געזען, **"ולא באו עדים"**... ס'קען זיין צוויי זאכן, דאס זאגט, "ואם לא נראה", ס'איז פארוואלקנט גאנץ ארץ ישראל, מ'קען נישט זען. אדער פונקט עדים נישט געקומען, איך ווייס נישט, דער עולם איז געווען פארשלאפן די וואך.

דעמאלטס **"משלימין שלשים"**, מאכט מען די דרייסיגסטע טאג איז נאך א חלק פון די פאריגע חודש, **"ויהא החודש מעובר"**.

**דיסקוסיע: דער בית דין מוז ווארטן**

### Speaker 2:

זיי דארפן אידער ווער ווארטן, כאילו. זיי דארפן ווארטן. ס'איז טאקע, איינמאל א וואך דארפן זיי בלייבן. ס'איז נישט קיין ניין-טו-פייוו דזשאבס, ס'איז א וואטעווער שפעט ביינאכט דזשאב.

### Speaker 1:

אקעי, איך מיין, ווייל איך געדענק א הלכה אז אויב די בית דין האט זיך שוין אויפגעשטעלט, דעמאלטס קען מען שוין נישט מקבל זיין די חודש די וואך. איך האב געלערנט עפעס א משנה אין סלויטא.

### Speaker 2:

די חודש מיינסטו?

### Speaker 1:

יא.

### Speaker 2:

סאו דאס איז אן ענין אז די בית דין זאל בלייבן במקום קביעותם.

## Speaker 1:

יא, איך פארשטיי. איך מיין אז צו זאגן, ס'מיינט אז מ'ווארט, דעמאלטס איז מען רעדי צו מקבל זיין טעם. ס'קען זיין אז ס'איז גערעכט אז ס'איז דא א הלכה אז מ'דארף טאקע ווארטן, אבער לאו דוקא דאס וואס... ס'איז דא די לשון שהיה הקדוש ברוך הוא יושב ומצפה לו... אויף...

## Speaker 2:

ניין, ס'איז נישט יציאת מצרים.

## Speaker 1:

אקעי, **"ואם ידעו בחשבון שאין אפשר שיהא ראה"...**

### קידוש החודש: חשבון מכחיש עדים, מצות עשה על בית דין, וקביעות החודש בארץ ישראל

#### חשבון מכחיש עדים — דער רמב"ם שיטה

דאס הייסט, ער האט געזען עפעס זעט אויס ווי א לבנה, אבער ס'איז נישט די לבנה.

סאו, דער רמב"ם לערנט אז דער חשבון קען ממש מכחיש זיין די עדים. דאס הייסט, אפילו ס'קומען קלאר עדים, צוויי כשר'ע אידן, זיי זאגן, "איך האב געזען", זאגט דער בית דין, "אתה שקרן או מדומיין", און קענסט דיך גיין צו אלע רוחות."

דער רמב"ם וועט שטימען אז דאס וואס איז זיכער מבחינת השכל איז מער זיכער ווי ווען מענטשן האבן עס געזען. הגם אז מ'דארף עדים כדי צו מקדש זיין דעם חודש, דער חשבון אליינס זאגט אונז נישט אז מ'האט עס געזען, און ס'איז פאר סאם ריזען א מצוה מ'זאל עס זען, דאס אליינס איז אביסל שווער צו פארשטיין די סברא, אבער אזוי איז דער רמב"ם.

אבער מצד שני איז דער רמב"ם זייער זיכער וועגן זיין חשבון, ער זאגט אז די חשבון איז גענוג גוט, און קיין שום אנדערע אסמכתא. ס'קומט עדים קעגן דעם חשבון, גלייבט מען זיי נישט.

#### אנאלאגיע צו הלכות נבואה

דאס איז אזויווי דער רמב"ם זאגט לגבי הלכות נבואה. עדות איז גוט אויף א דבר אפשרי. אויב ס'האט געקענט זיין, גלייב איך א עדות. אויב ס'האט נישט געקענט זיין, קענען זיין כל עדים שבעולם, ס'איז נישטא קיין שום ענין צו גלייבן, מ'טאר נישט גלייבן.

און דעם זאגט דער רמב"ם אז אויב ס'קומט א נביא און ער זאגט קעגן די תורה, גלייבט מען אים נישט, ווייל דער שכל זאגט עס. און קענסט אדער זאגן ער איז א רשע, אדער ער איז א שוטה, קענסט אייביג נוצן איינע פון די צוויי, אדער שקר אדער דמיונות.

אה, די הייליגע תורה זאגט **"בזדון דבר הנביא"**, אז אלעמאל איז ער א רשע. פארוואס קען ער נישט זיין אזא מדומיין? ווייל מ'האט דאך נאר געגומען איינער וואס איז פאטענשעלי א נביא, ער וועט דאך זיין א חכם, יא? אויב ער איז א חכם, ער קען נאר זיין א רשע. ווייל מ'האט אים גענומען צו זיין א פאטענשעל נביא, לויט דעם רמב"ם'ס חשבון, יא.

איך האב געמיינט סתם אזוי, ווייל אויב מ'וועט זאגן אז ס'איז א טעות, מ'וועט נישט מלמד זכות זיין די תורה, זאגט ער, זיי נישט מלמד זכות. אויך, ער איז דאך אן ערליכער איד, ער ווייסט דאך אז מ'טאר נישט זאגן קעגן די תורה, ער זאגט די דין עבודה זרה, סאו דאס קען נישט זיין א דמיון.

שוין, זאגט דער רמב"ם ווייטער.

#### הלכה ז: מצות עשה מן התורה על בית דין

יעצט ענדיגט דער רמב"ם מיט דעם: **מצות עשה מן התורה על בית דין.** ער ענדיגט צו נאכאמאל, אביסל ער חזר'ט צו איבער. ביז יעצט האט ער געזאגט אז ס'איז מסור, יעצט זאגט ער אז דאס איז טאקע א מצוה.

א מצוה סיי אויף די בית דין, **שיחשבו וידעו**, זיי זאלן מאכן די חשבונות, און וואס זאלן זיי וויסן.

#### חידוש: יעדער חבר בית דין דארף אליין וויסן

ס'איז מיר אינטערעסאנט צו ס'איז גענוג אז איינער פון די בית דין זאל זיין איינער וואס איז גוט אין דעם, אדער יעדער פון די בית דין דארף עס אליין לערנען. זעט דא אויס **יחשבו**, אלע פון זיי.

ער זאגט אז ס'איז דא אסאך מאל בית דין, שטעלט צו למשל, ווייסט, א בית דין פון בטלנים? ס'איז דא איינער וואס זאל נעמען עפעס אן אקאונטענט וואס האט געלערנט חושן משפט. א חלק פון די בית דין, ער העלפט זיי ארויס. ער העלפט זיי ארויס. ווייל אויב מ'דארף א בית דין, איז וואס... אויב יעדער איז סומך אויף יענער, ס'דארף זיין דריי אדער דריי און צוואנציג, אבער דאס קענסטו זאגן אז... אז וואס? אז די בית דין טראסט א צווייטן? איז וואס טוט די בית דין? יענער איז מסביר, ער העלפט זיי.

אבער דאס זעט אויס ווי יעדער איינער פון זיי דארף וויסן. **אם יראה ירחו לא ירחו.** איך מיין אז יעדער זאך, די בית דין וואס איז סומך אויף איינער, איז דאך נישט קיין בית דין, דאס איז דאך איינס. ס'שטייט דאך אזוי אז די חברי בית דין דארף מען וויסן אלע חכמות וכדומה.

#### די דריי סטעפס פון די מצוה

**שיחשבו וידעו אם יראה הירח או לא יראה.** די לחשב ולדעת איז כדי צו וויסן אויב ס'קען זיין אז ס'זאל זיין א ראיה.

**ושידרשו את העדים עד שיקדשו את החדש**, מ'זאל אויספרעגן די עדים. און נאכדעם, דער חלק פון די מצוה איז נאך **עד שיקדשו את החדש**, און נאכדעם איז נאך די מצוה ווייטער, **וישלחו וידיעו את שאר העם באיזה יום ראש חדש.**

ס'איז דא דריי סטעפס. די מצוה איז אלע דריי סטעפס צוזאמען. **כדי שידעו באיזה יום...**

#### חידוש: דער עיקר פון קידוש החודש איז להודיע

איך מיין אז דאס איז מסביר אביסל אויף די קידוש החודש. דאס הייסט, קידוש טאג טאקע אין וויכטיג, אבער די פוינט פון די קידוש איז להודיע. ניין, אפשר די ידיעה פעלט אויס פאר די גאנצע פאלק. ס'פעלט אויס צו וויסן ראש חודש ווען ס'איז געווען הלל.

סאו דער וואס איז נאנט ווייסט פון די קידוש אליין, און דער וואס איז ווייט דארף מען טאקע אים שליח אז ער זאל וויסן. סאו יעלה ויבוא און הלל האבן טאקע נאר די נאנטע געוואוסט אויף די ערשטע טאג. אטער געטראכט, מ'האט געזאגט מספק, מ'דארף זען די רמב"ם דערינגען אין שפעטער.

אבער וואס איך מיין צו זאגן איז, ס'זעט מיר אויס אז די טעם פון פון די מצוות קידוש, אבער די אידיע דערפון איז צו מודיע זיין. ווייל וואס איז די אידיע פון קידוש? קידוש זאגט אז די בית דין איז קובע, און יעצט ווייסט יעדער, און דער וואס איז פון די ווייטנס באקומט דאס א שליח.

זייער גוט.

#### פסוק: "אשר תקראו אותם"

**שנאמר**, פון וואו ווייסט מען אז די מועדות איז תלוי אין דעם מודיע זיין? שטייט **"אשר תקראו אתם"** — ענק זאלן רופן **מקראי קודש**. טייטש אז די מקראי קודש ווערט מקראי קודש בעיסד אויף די בית דין וואס האט קובע געווען.

וועלכע טאג דארפן זיי טאקע אויסרופן? דאס הייסט, לכאורה דארפן זיי אויסרופן פאר יעדער איינער. פון דעם לערנט מען אז מ'דארף עס אויסרופן. ס'טייטש אז אלע מענטשן ווען זיי פראוון יום טוב, זאל עס זיין בעיסד אויף די הכרזה וואס זיי האבן באקומען צוויי וואכן פארדעם אז ס'איז געווארן ראש חודש.

גייט, אבער ס'זעט מיר אויס אז ס'איז דא א... דאס איז די מצוה. איך מיין אז וועגן דעם מאכן איז ראש חודש מענטשן. די הכרזה החודש הזה, ראש חודש

יואל ויואל. מ'מאכט שוין פאר שבת אויס אז מ'ווייסט שוין פריער. דאס איז עפעס די די פסוק.

**ושמרת את החקה הזאת**, די חקה פון פסח זאל מען אפהיטן **למועדה** לויט די מועד, לויט די קביעת המועד פון ראש חודש. יא, דאס טייטשט עס?

אה, דאס הייסט דאס איז די המשך פון די זעלבע פסוק, נישט ממש די זעלבע פון דעם פסוק, אבער דאס מיינט ער צו זאגן **אשר תקרא אתם במעדם**, רייט? **אלה מועדי ה' אשר תקרא אתם מקראי קדש, אלה מועדי**, שטייט **אשר תקרא אתם במעדם**. דאס הייסט צו רופן די חודש פארדעם, און טאקע מאכן דחוקה אין די מועד וואס מ'האט גערופן.

**למועדה בימים ימימה**, אפשר איז דאס ווארט **בימים ימימה** אין די זעקט טאג? ניין, **יום ימימה** מיינט יעדע יאר. **למועדה** מיינט למועד שקראו, וואס מ'האט דערקלערט מקרא קודש. ווייל מועד שטייט **אלה מועדי שתקרו אתם**, וויאזוי ווערט דער מועד? על ידי וואס די בית נתקרסט הייסט מקדש ושלח וכו', און טאקע די אידן זאלן מאכן דעמאלטס ראש חודש.

**הלכה ח: קביעות חדשים נאר בארץ ישראל**

**אין מחשבין**, מ'מאכט נישט די חשבונות אין די קביעות חדשים אין די עובר שנים, וואס ער האט פריער געזאגט, מ'מאכט די עקסטערע חודש, **אלא בארץ ישראל**. דאס איז א זאך וואס איז תלוי אין ארץ ישראל, **שנאמר**, שטייט אין פסוק, **כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים**.

**קשיא אויפן פסוק**

ס'איז אינטערעסאנט, אז פון דעם פסוק וואלט מען געקענט ארויסלערנען אז אלעס וואס עס זאל צוטון מיט תורה זאל האבן זאכן לויט ארץ ישראל. איז טאקע אזוי אז די בית דין הגדול שבארץ ישראל איז אסאך זאכן, אסאך הלכות וואס איז תלוי אין די בית דין הגדול שבארץ ישראל, אבער ספעציפיקלי דא, פון וואו ווייסן זיי? **תצא תורה** מיינט די תורה פון קפירות החדשים? איך ווייס נישט וואס דערפאר איז.

אקעי. אקעי, אויך נאר די בית דין הגדול בכלל, מ'דארף האבן א בית דין של כ"ג פאר קביעות החודש. נישט קיין חילוק, אבער אפילו ס'איז דא אזא בית דין אין חוץ לארץ איז אויך נישט גוט. מ'וועט שוין זען אז ס'איז דא דערקעגן איין עצה.

**אדם גדול בחכמה וואס איז ארויס קיין חוץ לארץ**

זאגט דער רמב"ם, **ואם היה אדם גדול בחכמה**, אויב ס'איז דא א מענטש וואס איז גרויס בחכמה, **ונסמך בארץ ישראל**, און ער האט באקומען סמיכה, ער איז מקבל געווען פון די חכמי ארץ ישראל, **ויצא לחוץ לארץ**, ס'טייטש, ער איז שוין געווען א חכם אין ארץ ישראל, זיין חכמה איז חכמת ארץ ישראל, און נאכדעם איז ער ארויסגעגאנגען קיין חוץ לארץ, **ולא הניח בארץ ישראל כמותו**, און ס'איז נישט געבליבן נאך אזא חכם ווי אים אין ארץ ישראל, **הרי זה מחשב ומקדש חדשים ומעבר שנים בחוץ לארץ**, ער קען יא זיין מחשב און קובע זיין חדשים און מעבר זיין שנים אין חוץ לארץ, ווייל ס'איז ווייטער א מציאות מיט א עצת התורה, ס'איז ווייטער די חכמה פון ארץ ישראל. אבער ער קען יא, אפילו ער איז אין חוץ לארץ.

**חידוש: איין אדם גדול בחכמה איז גענוג**

דאס איז יא משמע אז איין אדם גדול בחכמה איז גענוג. דאס הייסט, ער ווייזט דארט אז ער האט מיט זיך א בית דין, אבער אפשר איז גענוג אז איינער פארשטייט. אה, אינטערעסאנט. יא, ס'קען זיין.

**ווען ס'וואקסט אונטער א נייער חכם אין ארץ ישראל**

**ואם נודע לו שנעשה בארץ ישראל אדם גדול כמותו**, וואס טוט זיך ווען איינער איז געווען דער אדם גדול אין ארץ ישראל און ער איז געגאנגען קיין חוץ לארץ און לא הניח כמותו, אבער אינצווישן איז אונטערגעוואקסן א נייע, עפעס א יניקה איז אונטערגעוואקסן, און ער איז געווארן דער חכם? **ואם נודע לו שנעשה בארץ ישראל אדם גדול כמותו, ואין צריך לומר אם היה גדול ממנו** — פאר דעם פאדערט זיך אויך צו זיין גאר א גרויסער אדם גדול בחכמה צו איינזען אז ס'איז דא איינער יעצט געווארן קליגער ווי מיר. אקעי, מ'וועט שוין זען. אינטערעסאנט, וויאזוי ווייסט מען דאס?

**הרי זה אסור לקבוע ולעבר בחוץ לארץ**, ס'טאר אים מער נישט קובע זיין און מעבר זיין אין חוץ לארץ, ווייל יעצט איז שוין דא אין ארץ ישראל וואס האט שוין צוריק זיין אייגענעם אדם גדול בחכמה.

**הלכה: ואם עבר וקבע ועבר — לא עשה כלום**

זאגט דער רמב"ם, **ואם עבר וקבע ועבר**, אויב האט ער יא קובע געווען א חודש אדער מעבר געווען שנים ווייל ס'איז שוין דא אין ארץ ישראל איינער וואס קען עס טון, **לא עשה כלום**, האט ער גארנישט געטון, ס'גייט צוריק צו ארץ ישראל.

**מעשה מיט חנניה בן אחי רבי יהושע**

דאס איז געבויט אויף א מעשה. די מעשה איז געווען אזוי, אין די גמרא שטייט אזוי, ס'איז געווען א... ווער איז עס געווען? א חנניה איז געווען דער ראש הגולה, ער איז געווען בן אחי רבי יהושע, ער איז געגאנגען אין גלות אין בבל, ער האט מעבר געווען שנים. וואס הייסט, שלחוניך כמותו בארץ ישראל האט ער מעבר געווען.

שפעטער האט מען אים געשיקט צוויי תלמידי חכמים, און מ'האט אים געזאגט, און וואס זיי האבן געטון איז, מ'האט אים אביסל, דא לערנט מען זיך אויס פון די פאליטיק. ער ברענגט באלד אז די ירושלמי האט אביסל אן ענליכע גירסא, די זעלבע מעשה אדער אנדערע נוסח פון די זעלבע מעשה.

האבן זיי אים געפרעגט, מ'האט געשיקט פאר אים צוויי תלמידי חכמים, רבי יוסי בן כיפר און בן בנו של זכריה בן קבוטל, און זיי זענען געקומען צו די ישיבה אין גלות. און די ישיבה פרעגט אים, וואס קומט נעקסט? דאס הייסט, זיי זענען געקומען צום גרויסן רב'ן צו לערנען תורה.

האט ער זיך זייער געפרייט, אה, עטץ זענטס מיר מכבד, און עטץ זענטס גרויסע רבי'שע אייניקלעך. כידוע, זכריה בן קבוטל האט נאך געארבעט אין בית המקדש, ער ווערט דערמאנט אין מסכת יומא.

בקיצור, צוביסלעך האבן זיי אנגעהויבן צו ווייזן פאר אים אז זיי קענען בעסער לערנען פון אים. ער האט געזאגט טמא, האבן זיי געזאגט טהור, פארקערט. האט ער אנגעהויבן זיי אוועקצומאכן.

האבן זיי געזאגט, העלאו, דו האסט דאך פריער געזאגט אז מיר זענען תלמידי חכמים און רבי'שע אייניקלעך. האט ער געפרעגט, נו, וואס ווילט עטץ פון מיר?

זאגן זיי, דאס הייסט, דו ביסט מעבר שנים בחוץ לארץ. האט ער געזאגט, וואס הייסט? רבי עקיבא האט אויך אזוי געטון.

זאגן זיי, אמת, רבי עקיבא האט נישט געלאזט כמותו בארץ ישראל.

זאגט ער, נו, איך האב אויך נישט.

זאגן זיי, יא, דו ביסט גערעכט, אבער **גדיים שהנחת נעשו תישים בעלי קרנים, והם שגרונו אצלך**. דו האסט איבערגעלאזט קליינע ציגן, זיי זענען געווארן תישים וואס זענען שוין אויסגעוואקסן. נישט סתם זיי זענען אויסגעוואקסן, זיי האבן שוין הערנער. און דו ווייסט וואס מיינט זייערע הערנער?

זיי זאגן אזוי, גייט זאגט פאר רבי חנניא אז אזוי: טאמער פאלגט ער, איז גוט, ווייל ער דארף אויסהערן. טאמער פאלגט ער נישט,

**המשך דיון אין דער מעשה פון חנניה בן אחי רבי יהושע — דער ענין פון "הניח כמותו בארץ ישראל"**

**דער מעשה אין בבלי און ירושלמי**

דו זאגסט, וואס הייסט? רבי עקיבא האט אויך אזוי געטון. זאגט ער, אמת, רבי עקיבא האט נישט געלאזט כמותו בארץ ישראל. זאגסטו, נו, איך האב אויך נישט.

זאגט ער, יא, ביסט גערעכט, אבער **"גדיים שהנחת נעשו תיישים בעלי קרנים, והם שגרוני יצליחו"**. דו האסט איבערגעלאזט קליינע ציגן, זיי

זענען געווארן תיישים, זיי זענען שוין אויסגעוואקסן. נישט סתם זיי זענען אויסגעוואקסן, זיי האבן שוין הערנער.

און דו ווייסט וואס מיינט זייערע הערנער? זיי זאגן אזוי, גיי זאג פאר חנניא אז אזוי, טאמער פאלגט ער איז גוט, ווייל ער האט אויף וועמען צו פאלגן. טאמער פאלגט ער נישט, זאל זיין בנידוי. און ס'איז שרעקליך. און דו זאג פאר די גאנצע עולם אזוי, אז אויב ער פאלגט נישט, איז נא פראבלעם. זאל חנניא גיין אויפ'ן בארג, זאל ער מאכן א מזבח, זאל חנניא זינגען און שרייען **"אין לו חלק באלקי ישראל"**. ענק זענען גוים, ענק האלטן זיך אין אייגענע סטראקטשער, נא פראבלעם, מאך א בית המקדש, הייב אן צו טון וואס דו ווילסט.

אה, האט ער געכאפט, ער האט טאקע אפגעטרעטן, זיי האבן געזאגט ניין, און זיי האבן געסטאפט.

**דער ירושלמי'ס פארבריטערטע ווערסיע — דריי בריוון**

וואס זעט מען פון די מעשה? ער ברענגט א ירושלמי אויך די זעלבע מעשה פון די חנניא, און ער ברענגט אביסל אנדערש. ער זאגט אז רבי האט געשיקט דריי בריוון פאר אים, מיט רבי יצחק און רבי נתן.

דער ערשטער בריוו איז געשטאנען "לכבוד קדושת רבי חנניא". וואו, די לכבוד קדושת איז גאר אן אלטע זאך. האט ער זיך מורא'דיג געפרייט, וואו, דער רבי זאגט לכבוד קדושת.

דער צווייטער בריוו האט ער געשריבן **"גדיים שהנחת נעשו תיישים"**. ס'טייטש אז ער איז געווען גרעסער ווי רבי אויכעט, יא? לכתחילה, נאכדעם איז רבי געווארן גרעסער, אדער אזוי גרויס.

אין דריטע האט ער דיר געשריבן די שארפע זאך, דו ווילסט נישט מקבל זיין דעם, מאך דיך א בית המקדש.

האט ער דער ערשטער בריוו געשיקט, און ער האט אויפגעשטאנען און געזאגט, וואו, רבי איז א גרויסער איד. ער זאגט, די צווייטער האט ער אנגעהויבן צו טראכטן. די דריטע האט שוין געוואלט שפייען אויף רבי'ן, און מ'זאגט, אלא דו קענסט נישט...

**חידוש: דער מעכאניזם ווי מ'מאכט יענעם מודה**

לכאורה, פארוואס לערנט מען זיך פון דא? דו האסט געפרעגט פריער א קשיא, וויאזוי איז יענער מודה אז איינער איז געווארן גרעסער? זעט מען אז ס'איז נישט אזוי סימפל.

די תירוץ איז, אזוי ווי יעדער איינער ווייסט, קודם יענער משבח, מאריך זיין חכמה, נאכדעם מאכט מען אז ער זאל מודה זיין אז דו ביסט עפעס, נאכדעם קען ער שוין נישט צוריק חוזר זיין. סאו דאס איז די וועג וויאזוי ס'קען ווינצן מענטשן.

איך מיין, ס'איז שווער צו וויסן, וויאזוי ווייסט מען אז יעדער איז אזוי חכם ווי דיר? ס'האט נישט צו ס'מיינט צו דעם, מ'דארף זיך פארהערן. אויב איז שוין דא א נייע authority אין ארץ ישראל, א גוטע בית דין פון סמוכים, גייט עס צוריק צו ארץ ישראל. לכאורה דאס איז די ווארט.

איך גלייב נישט אז וויאזוי קען מען דאס שאצן? און אויך אן אלטער תלמיד חכם איז לכאורה אייביג מער חכם ווי דער יונגער, "גדולים נאספו יחדיו". קען זיין דאס אליין, אז ס'איז שוין דא אין ארץ ישראל א גוטע בית דין, גייט עס צוריק צו... ווייל דארט דארף זיין די סענטער.

**רבי יצחק און רבי נתן'ס דרשות**

זאל קוק ווייטער די מעשה פון די ירושלמי, ס'איז amazing. איז רבי יצחק אויפגעשטאנען, און זעט אויס דער חנניה האט זיך נאך אלץ נישט געלאזט. די גמרא זאגט אז ער האט זיך געלאזט, זיי האבן אלע געשטאנען, און די ירושלמי מאכט אביסל לענגער די מעשה.

איז רבי יצחק אויפגעשטאנען, ער האט געעפנט א חומש און אנגעהויבן צו ליינען, **"אלה מועדי חנניה בן אחי רבי יהושע"**. האט ער געזאגט, ס'שטייט דאך **"אלה מועדי ה'"**. זאגט ער, "יא, אפשר האלט איר אז דאס איז מועדי ה', אונז האלטן אז דאס איז מועדי חנניה." העלא?

האט רבי נתן אויפגעשטאנען און גענומען נאך א פסוק צו ליינען, **"כי מבבל תצא תורה ודבר ה' מן הר פקוד"** — זעט אויס אז אזוי האט געהייסן זיין פלאץ. אויף דעם וואס זאגט ער, ס'שטייט דאך נישט אזוי. זאגט ער, "יא, ביי אונז שטייט **'כי מציון תצא תורה'**, ביי ענק זעט אויס אז ס'שטייט 'כי מבבל תצא תורה'." אוי, טאטע זיסער.

**חנניה גייט צו רבי יהודה בן בתירא**

ער איז געגאנגען... ניין, אבער ס'מוז זיין א חכם כמותו בארץ ישראל. קוק ווייטער אין די מעשה. ער איז געגאנגען, האט ער מקבל געווען? האט ער נישט מקבל געווען. "קבל עליהם וגעתני".

ער איז געגאנגען צו רבי יהודה בן בתירא לנציבין. געדענקסטו, רבי יהודה בן בתירא איז געווען א גרויסער פון פסחים, יא, בן נציבין? ער איז געווען א גרויסער חכם. איז ער געגאנגען און גע'טענה'ט אויף זיי. ער זאגט, "זיי קומען, זיי זענען מיר מבזה, זיי גייען קעגן מיין מהלך."

האט ער געזאגט, "ניין. מ'דארף גיין נאך די שליחים פון ארץ ישראל."

האט ער זיי געפרעגט, "וויאזוי ווייסטו? ווער זאגט אונז אז זיי זענען טאקע כמותי?" דאס האט טאקע געפרעגט דער חנניה בן אחי רבי יהושע. ער האט טאקע געפרעגט די שאלה, "וויאזוי ווייסטו אז זיי קענען מחשב זיין?"

האט ער געזאגט, "אז דו זאגסט אז זיי קענען נישט, וועט מען דיר פאלגן. אבער זיי זאגן אז זיי קענען יא, פאלג זיי." איך כאפ נישט פונקט וואס דאס מיינט. "כמד לא ידעו מחשבתא דחברותי ישמעון ליה, כמד דאינון חכמין מחשבתא ישמעון ליה." איך ווייס נישט. איך כאפ נישט וויאזוי מ'האט אויסגעפונען.

**חידוש: וואס מיינט "הניח כמותו" — א נייער פשט**

בקיצור, האט ער מחליט געווען אז אין הכי נמי, ער האט געזאגט פאר יעדן איינעם מ'זאל פאלגן אזוי ווי אים.

אבער ס'קען זיין, איך כאפ יעצט אז ס'קען זיין אז דו זאגסט, ס'איז נישט קיין פשט אז ער דארף זיין גרעסער. ס'זעט דא אויס אז ער דארף וויסן די חשבון. זעט אויס אז ס'איז זייער א שווערע לימוד, אזוי ווי מיר האבן גערעדט אין די אנהייב שיעורים, נישט יעדער איינער פארשטייט הלכות קידוש החודש. איז דער בית דין דארף קענען די אלע פרטים פון הלכות קידוש החודש, און על פי רוב נאר איינער בדור קען עס.

און כל התורה כולה מער פון אים, איך ווייס נישט. הניח כמותו מיינט אין דעם נושא, ער דארף קענען גענוג אויף צו מעבר זיין שנים וחדשים. אזוי מיין איך איז דער פשט.

מ'כאפט נישט פונקטליך די מעשה, וויאזוי ס'האט אויסגעפונען. דו האסט געזאגט א טענה, רבי יהודה במסירה. ער זאגט אז מ'גייט דיך נישט פאלגן אפשר, פארגעס פון די מעשה.

**כללות'דיגער חידוש: דער גדול הדור דארף זיין אין ארץ ישראל**

ס'זעט אויס אז ס'איז דא א וויכטיגע ענין אז דער גדול הדור זאל זיין אין ארץ ישראל. איך מיין אז פאר די לעצטע יאר, זייט ס'וואוינט א גרויסער ציבור אין ארץ ישראל, איז אויך אזוי, איך ווייס נישט אז ס'איז דא דער גדול הדור פון ארץ ישראל. ס'איז וויכטיג אזוי.

שוין געוואלדיג, ס'זאל זיין א לעכטיגן שבת פאר אידן. דאס איז עד כאן פרק א'.

Generated by Shiur Upload Automation